YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv03i42

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 3 Issue 42
October 1921

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 3, Iss. 42)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/74

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, 6). אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין א י י ע ר ע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. III. No. 42. New York, Friday, Oct. 14, 1921. פרייטאג, דעם 14טען אקטאבער, 1921 PRICE 3 CENTS

פילאדעלפיער וויסט מאנופעקטשורערס כאפען זיך פאר אינדזשאנקשאנס

עס וועט זיי העלפען ווי א טויטען באנקעס. — די סטרייקער קעמפען מיט דערזעלבער באגייסטערונג ווי ביז יעצט. — „מיר וועלען קעמפען ביז דער סטרייק וועט געוואונען ווערען, ווי לאנג דאס זאל ניט געדויערען", זאגט פרעזידענט שלעזינגער. — דער קלאנג וועגען א סעטלמענט.

דער וויסט און דרעסמאכער סטרייק אין פילאדעלפיע געהט שוין אריין אין דער זיבעטער וואך. אבער וואס מאכט עס אויס? די צייט האט דעם ענטוזיאזם פון די סטרייקער אויף א האר ניט אפגעקיהלט, זיי קעמפען היינט מיט'ן זעלבען מוט ווי דעם ערשטען טאג, ווען דער סטרייק האט זיך אנגעהויבען.

אין אונזערע רייהען האט מען דאס, אייגענטליך, געוואוסט פריהער, און דאס איז פאר אונז ניט קיין וואונדער. מיר האבען געוואוסט, דאס וויבאלד די מיטגלידער פון לאקאל 15 האבען באשלאסען צו סטרייקען, וועלען זיי עס טאן מוטיג און בראוו, ביז דער גערעכטער קאמף זייער וועט פאלשטענדיג געוואונען ווערען. א וואונדער איז עס אין דעם לאגער פון די באלעבאטים. זיי, הפנים, כאטש מיר ווייסען ניט ווארום, האבען יא געמיינט, אז זאל זיך נאר דער סטרייק אביסעל פארציען, וועלען די סטרייקער באלד לויפען צו זיי, זיך בעטען די פריהערדיגע פלעצער, אהן אירגענד וועלכע באדינגונגען. עס איז שווער צו באגרייפען, פון וואנען עס האט זיך גענומען צו יענע באסעס אזא געדאנק; ווי עס איז געקומען צו זיי צו האבען וועגען זייערע ארבייטער אזא נידעריגע מיינונג! מעגליך אפשר, אז מאנכע פראוואקאטארס האבען זיי געבראכט אזעלכע „גוטע נייעס" און די באסעס איז עס געוויס געווען העכסט אנגענעם צו גלויבען, האבען זיי זיך עס געלאזט איינשמועסען.

איצט אבער, זעהען זיי שוין, אז זיי האבען זיך אפגענארט. זיי ווייסען שוין איצט, אז זיי האבען זייערע ארבייטער ווייניג געקאנט און נאך ווייניגער פארשטאנען. איצט זעהען זיי שוין, אז דורך דעם בייטש פון הונגער וועלען זיי דעם מוט פון די סטרייקער ניט ברעכען, און זיי כאפען זיך פאר אנדערע מיטלען — אינדזשאנקשאנס, אפשר וועט דאס העלפען, און זיי האבען זיך אוועקגעלאזען איבער די קארטס נאך אינדזשאנקשאנס.

אבער אויך דאס וועט ניט העלפען די באסעס. זיי וועלען מוזען נאכגעבען די גערעכטע פאדערונגען פון די סטרייקער, און ערשט דאן וועט דער סטרייק זיין פאראיבער.

איין זאך איז פארא, וואס מאכט די וויסט און דרעסמאכער באסעס פון פילאדעלפיע זיך נאך אלץ צו האלטען שטייף. דאס איז די שלעכטע צייט. עס איז סאי ווי סאי ניטא קיין ארבייט, טא מעגען זיי דאך נאך אלץ זיין שטייף ביי זיך. וואלט נאר געווען א גוטער סעזאן, וואלטען זיי איצטער שוין גערעדט אנדערע ווערטער.

לעצטע וואך, א שטייגער, האט א פארטרעטער פון דעם סעקרעטאר אוו קאמערס, הערבערט הואווער, זיך געזאלט אריינמישען, און ברענגען צו א סעטלמענט פון דעם סטרייק. די יוניאן האט אין דעם קיין האנד ניט געהאט, זי האט נאר ניט געוואוסט דערפון. אבער ווען הואווער'ס פארטרעטער האט געהערט וואס די חוצפה'דיגע באסעס פון פילא-

(שלוס אויף זייט 16).

קלאוקמאכער יוניאן וועט העלפען דעם סאציאליסטישען קעמפיין

דער דזשאינט באארד פארשפרעכט פאלשטענדיגע הילף און קלייבט אויס פאר דעם א ספעציעלע קאמיטע.

א קאמיטע פון דער סאציאליסטישער פארטיי אין ניו יארק, באשטעהענד פון די אנגעזעהענע גענאסען, אלדערמאן ב. וולאדעק, דזשוליוס גערבער, עדווארד קעסערי און ה. לאנג האט זיך מיט א וואך צוריק געווענדעט צום דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן און פארלאנגט הילף אין דעם היי־יאהריגען קאמפיין. גענאסע ב. וולאדעק איז געווען דער הויפט רעדנער פאר דער קאמיטע.

צווישען אנדערעס האט גענ. וולאדעק אנגעוויזען אויף דעם צושטאנד אין און ארום דער סאציאליסטישער פארטיי. ער האט אויך אנגעוויזען אויף דעם ספעציעלען כאראקטער פון דער אידישער טרייד יוניאן באוועגונג, ווי זי איז אימער געשטאנען מיט דער סאציאליסטישער פארטיי זייט ביי זייט, און געוויזען א ביישפיל ווי די טרייד יוניאן באוועגונג און די סאציאליסטישע באוועגונג קאן ניט און טאר ניט צושיידט ווערען. מיר האבען זיך איינע די אנדערע כסדר געשטיצט, גייסטיג געשטיצט — האט וולאדעק געזאגט, — מיר האבען אונטערגעגעבען קוראזש איינע די אנדערע, סאי אין די קאמפיינס און סאי צווישען די קאמפיינס — אלע מאל זיינען מיר איינס געווען. איצט קומען מיר צו אייך וועגען קאמפיין אזוי ווי אלע יאהר, און איהר וועט זיך געוויס אפרופען ווי אלע יאהר."

וולאדעק האט אויך אנגעוויזען די ספעציעלע באדייטונג פון דעם היי־יאהריגען קאמפיין. ווען דער קאנדידאט פאר מעיאר, גענ. פענקין, וועט באקומען א ריזיגע צאהל שטימען און מען וועט אויך קאנען אנווייזען אויף א באדייטענדע צאהל ערוועהלטע אסעמבלימען און אלדערמען. „דאס וועט זיין אן אויפלעבונג פאר דער גאנצער סאציאליסטישער באוועגונג פון לאנד", האט וולאדעק געזאגט און איז שטארק אפלאדירט געווארען.

גערבער האט גערעדט וועגען די סאציאליסטישע טראדיציעס הינטער דער קלאוקמאכערס יוניאן און די גאנצע אינטערנעשאנאל.

נאך די רעדעס פון די קאמיטע לייט האט דער טשערמאן, ברודער ל. פינקאווסקי, אויפגענומען א רייהע פארשלעגע וואס זיינען געמאכט געווארען פון די דעלעגאטען וועגען דעם ווי צו העלפען דעם סאציאליסטישען קאמפיין, און די מערסטע פון די פארשלאגען זיינען אויפגענומען געווארען פון די אנוועזענדע מיט בייפאל. עס איז באשלאסען געווארען צו העלפען דעם סאציאליסטישען קאמפיין מיט אלע מעגליכקייטען און פאר דעם צוועק איז אויסגעקליבען געווארען א ספעציעלע קאמיטע.

פאלגענדע פערזאנען זיינען אין דער קאמיטע: קושנער, פון לאקאל 1; שווארץ, לאקאל 3; יאנאוויטש, לאק. 9; אנשעל, לאק. 10; ברעם, לאק. 11; לעווענטהאל, לאק. 17; קאנעל, לאק. 23; בערנשטיין, לאק. 35; מאליסאנא, לאק.

(שלוס אויף זייט 5).

דער ערשטער יאהרעספעסט פון דעם יוניאן העלטה סענטער

אויף א שעהנעם, פאסיגען אופן איז לעצטען מיטוואך, דעם 5טען אקטאבער, געפייערט געווארען דער ערשטער יאהרעס־פעסט פון דעם יוניאן העלטה סענטער, א זעהר וויכטיגע אינסטיטוציע, וואס ווערט אויפגעהאלטען פון אייניגע אינטערנעשאנאל לאקאלס אין ניו יארק. דער יום טוב איז געפראוועט געווארען טאקי אין דער בילדינג פון דעם יוניאן העלטה סענטער, אין 131 איסט 17טע סט.

צו דער שמחה זיינען געלאדען געווארען אלע עקזעקוטיוו באארדס און די באאמטע פון די לאקאלס וואס האלטען אויף די אינסטיטוציע, די באאמטע פון די דזש. באארדס פון די קלאוקמאכער, און פון די וויסט און דרעסמאכער יוניאנס, און אויך אנגעזעהענע מענשען, אין אונזער אינטערנעשאנאל און אין דער געזעלשאפט בכלל. אלע געלאדענע זיינען געקומען און דער אודיטאריום פון דעם יוניאן העלט סענטער איז פול געווען מיט באזוכער. עס זיינען אויך אנוועזענד געווען אלע דאקטוירים פון די מעדיקאל קליניקס און פון דעם דענטאל קליניק און זיי האבען זיך אמוזירט צוזאמען מיט די געסט.

די הויפט בעלי שמחות פון דעם אווענט זיינען, פארשטעהט זיך, געווען דר. דזשארדזש מ. פרייס, דער דירעקטאר פון יוניאן העלט סענטער און אונזער וויס־פרעזידענט ה. וואנדער, דער טשערמאן פון דעם באארד אוו דירעקטארס, באשטעהענד פון פארטרעטער פון די לאקאלס וואס האלטען אויף און פארוואלטען דעם יוניאן העלט סענטער.

ברודער וואנדער איז געווען דער טשערמאן פון אווענט. ער האט געעפענט די פארזאמלונג, ערקלעהרענדיג אין קורצען דעם כאראקטער פון דעם אווענט, און ווי אזוי די אינסטיטוציע איז געשאפען געווארען און ער האט פארגעשטעלט דר. דזשארדזש מ. פרייס אלס ערשטען רעדנער.

דר. דזשארדזש מ. פרייס האט געהאלטען א זעהר אינטערעסאנטע רעדע, וועלכע האט שטארק פאראינטערעסירט אלע אנוועזענדע. ער האט געשילדערט ווי נאטירליך עס איז, דאס פון דעם „דזש. באארד אוו סאניטארי קאנטראל" איז ארויסגעוואקסען דער יוניאן העלט סענטער. גלייך — זאגט ער — ביים אנפאנג, ווי מען האט אין דער לײדיס גארמענט אינדוסטריע געשאפען דעם „דזש. באארד אוו סאניטארי קאנטראל", אויפצופאסען אויף די ריינליכקייט אין די שעפער, האט זיך ארויסגעוויזען, דאס מען מוז אויפפאסען אויף דעם ארבייטער'ס געזונט, אין שאפ און אויך אויסער'ן שאפ, און דער יוניאן העלט סענטער איז א גאנץ נאטירליכע ענטוויקלונג פון אט דער באדערפעניש. ער ווייזט אן, ווי פאר דעם געזונט פון די ארבייטער איז עס געווען העכסט נויטיג צו שאפען דעם יוניאן העלטה סענטער, מיט אלע זיינע מעדיקאל און דענטאל קליניקס און ער לויבט זעהר די באוואוסטזיניגקייט פון די יעניגע אינטערנעשאנאל לאקאלס,

(שלוס אויף זייט 16).

נעדענקט דעם יוניטי קאנצערט דעם 28טען אקטאבער אין קארנעגיע האל

פרייטאג אווענט, דעם 28טען אקטאבער, וועלען אלע פריינד פון דער יוניטי הויז פון אונזערע וויסט און דרעס מאכער זיך טרעפען אין קארנעגי האל צו דעם קלאסישען קאנצערט, וואס ווערט געגעבען צום בענעפיט פון דער יוניטי הויז אין פארעסט פארק. קיין זאך טאר ניט צוריקהאלטען די פריינד פון דער יוניטי הויז צו זיין אויף דעם קאנצערט. אחוץ דעם, וואס מיט דעם וועלען זיי העלפען די יוניטי הויז קאמיטע דעקען א טייל פון דעם דעפיציט, וועלען זיי אויך געניסען אן אווענד פון קלאסישע מוזיק, פארבראכט פון ערשטע קלאסע, וועלט־באריהמטע קינסטלער.

די מעהרסטע צייט פון אווענט וועט פארנעהמען ע ט י ד ע ס ט י ן, די וועלט־באריהמטע סאפראנא פון מעטראפאליטען אפערא הויז. זי וועט זינגען עריעס פון באוואוסטע אפעראס און אויך פאלקס־לידער.

דאן קומט דער פידעל־שפילער ראדריק ווייטה און דער פיאנא שפילער דזשארדזש לאפירי. עס וועט געגעבען ווערען א רייכער פראגראם און דער גאנצער אווענט וועט געוויס זיין א זעהר גענוסרייכער.

זאל דעריבער קיינער פון אייך ניט פארפעהלען צו זיין דארט.

אחוץ די רייכע מוזיק, וואס מען וועט דארט הערען, דארף זיין א צווייטע ציהונג צו קומען אויף דעם קאנצערט — דאס, וואס דארטען וועלען זיך צונויפטרעפען אלע די, וואס האבען געשלאסען פריינדשאפט אין דער יוניטי הויז. זאלען אלע די פריינד זיך צונויפטרעפען פרייטאג אווענט, דעם 28טען אקטאבער, אין קארנעגי האל און אפפרישען זייער פריינדשאפט.

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 42

זייט 2. די וואך. — מאקס ד. דאניש. מיטינג פון די וויסטמאכער יוניאן לאקאל 25 — טשארלס דזשייקאבסאן.
זייט 3. צוויי מיטינגען פון עקזעקוטיוו באארד לאקאל 22 — י. שעהנהאלץ. קאנפערענצען פון די וויסט און דרעס שעפער פאר רוסלאנד — מ. ק. [illegible].
זייט 4. עדיוקיישאנאל דעפארטמענט — מ. לעווין.
זייט 5. טרייד און ארגאניזיישאנס פראגען — בריף איבער פארשיידענע פראגען.
זייט 6. וואס הערט זיך ביי די ריינקאוטמאכער פון לאקאל 20? — ס. פרידמאן. קאנפערענצען פון די קלאוק שעפער פאר רוסלאנד.
זייט 7. ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע. — א סטעפ רעפארמער. ניט היינט געדאכט! — מ. צינקין.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. מיט דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אויף'ן פערטעל־יעהרליכען סיטינג אין פילאדעלפיא. — ש. יאנאווסקי. לידער — מ. פערעלמוטער.
זייט 10. דער שטורעמקאמף אין אלטע און נייע צייטען — פיליפ קראנץ. יום כיפור געדאנקען — דזש. העלער.
זייט 11. [illegible] פון פילאדעלפיא — י. מ. [illegible].
זייט 12. קורצע שמועסן.
זייט 13, 14 און 15 — אדווערטייזמענטס.
זייט 16. [illegible]





דר. בארנעט ל. בעקער

דער נייער דור און דער אלטער

צוויי דורות מיט איין און דיזעלבע טראדיציע

מיט קארגע 20 יאהר צוריק, ווען דר. בעקער האט ערעפענט זיין ערשטען אפטיקעל אפיס אויף דער איסט סייד, האט ער דאן באהאנדעלט טויזענטער יונגע מענשען און קינדער. דאס איז געווען דער דאמאלסדיגער יונגער דור. היינט זיינען דיזע מענשען אויסגעוואקסען, עלטער געווארען און איצט קומען זייערע קינדער צו דר. בעקער'ן — דאס איז דער איצטיגער נייער דור.

אזוי קומט איין דור נאך א צווייטען — פריהער די עלטערען, נאכהער די קינדער צו דעם זעלבען דר. בעקער, וועלכער האט מיט זיין ערליכע און אויפריכטיגע באהאנדלונג זיך ערווארבען אזא נאמען און זיך ערהויבען צו אזא פאפולאריטעט. אין דעם פראקטישען לעבען איז זעהר זעלטען, אז איין דור זאל נאכטאן דעם צווייטען, אז דער קינד זאל געהן אין דעם זעלבען דרך פון די עלטערען. די צייט אליין פראגרעסירט, און צוזאמען מיט איהר די מענשהייט. און דערפאר ווען עס פאסירט, אז דער לעצטער דור נעהמט אויף די טראדיציעס פון דעם פריהערדיגען דור איז עס אן ערשיינונג פון דער העכסטער וויכטיגקייט.

די אורזאכע פארוואס דר. בעקער איז אזוי פאפולער ביי דעם איצטיגען דור איז, ווייל ער האט גוט געדינט דעם לעצטען דור. און אז איהר וועט באמערקען די גרויסע צאהל קינדער — קינדער וועלכע הויבען ערשט אן צו געהן אין סקוהל און אנדערע אויף וועלכע עס ליגט שוין דער יאך פון לערנען — וואס קומען אריין אין דר. בעקער'ס אפטיקעל אפיסעס, וועט איהר פארשטעהן דעם סוד פון דר. בעקער'ס רעפוטאציע אלס אפטישען אין דעם אידישען קווארטאל.

דר. בעקער האט זיך שטענדיג ערנסט אינטערעסירט מיט די אויגען פון יונגע קינדער. און אום זיי צו קענען דינען אם בעסטען האט ער שטענדיג געזוכט צו איינפיהרען אין זיינע אפיסעס די נייעסטע אינסטרומענטען וואס די וויסענשאפט האט ערפונדען.

און גרויס איז היינט די צאהל פון די אמאליגע קינדער און היינטיגע ערוואקסענע מענשען וועמען דר. בעקער האט גערעטעט פון א פינסטערען שיקזאל.

צו די עלטערען, וועלכע האבען קינדער, מאכט דר. בעקער א ספעציעלען אויפרוף. אויב דער געזונט פון אייערע קינדער איז אייך טייער אויב איהר האפט זיי אויפצוהאדעווען אויף א געזונטען באדען אויב איהר ווילט אז זיי זאלען ערדרייכען אין לעבען דעם ציל צו וועלכען זיי זיינען געניינט דאן שענקט אייער פארזיכט צו זייערע אויגען.

עס זיינען דא זעהר ווייניג מענשען וועלכע פארשטעהען די וויכטיגע ראלע וואס נארמאלע, געזונטע אויגען שפילען אין דעם לעבען פון דעם מענשען. די מעדיצינישע וויסענשאפט האט שוין לאנג באוויזען די שלעכטע ווירקונג וואס אנגעשטרענגטע, שוואכע אויגען האבען אויף דעם גאנצען פיזישען צושטאנד פונ'ם מענשען. א קינד מיט שוואכע אויגען קען ניט לערנען, פארלירט די שארפקייט פון זכרון און מיט דער צייט הויב עס אן צו ווירקען אויף דעם גאנצען יונגען נערווען סיסטעם און שוואכט אפ דעם קערפערליכען כח. פאסט אויף אויף אייערע קינדער'ס אויגען, הויפטזעכליך די סקוהל-קינדער און איהר וועט זיי פארשפארען א סך ליידען, און זיך — פיל עגמת נפש. דר. בעקער האט די פולע מעגליכקייט, סיי דורך די פאלקאמענע נייעסטע וויסענשאפטליכע אינסטרומענטען און סאי דורך די בעסטע פראפעסיאנעלע קרעפטען, וועלכע זיינען מיט איהם פארבונדען, צו העלפען אייך און אייערע קינדער אויב די אויגען נויטיגען זיך אין זיין הילף.

אויב אייערע אויגען הויבען אן צו ווייזען די ערשטע סמנים פון שוואכקייט איז עס פאר אייער אייגענער טובה דאס ניט צו פארלאזען צו לאנג.

דר. בארנעט ל. בעקער

אפטאמעטריסט און אפטישען

5 אפטיקעל ברענטשעס:

215 איסט בראדוויי	**102 לענאקס עווענו**	**895 פראספעקט עווענו**	**1709 פיטקין עווענו**
ניער קלינטאן סטריט	נעבען 116טע סטריט	נעבען 163טע סטריט	נעבען ראקאוועי עווענו

262 איסט פארדהעם ראוד, בראנקס.

צוליב די יום־טובים, און פאר די בעקוועמליכקייטען פון די וואס מוזען יעצט טראגען ברילען, וועלען מיר האלטען אפען אונזערע אפיסעס יעדען זונטאג ביז נאך יום כפור און דאן וועלען מיר ווידער שליסען יעדען זונטאג.

צוויי מיטינגען פון עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22

א זיצונג פון דער דרעסמאכערס יוניאן לאקאל 22, איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אווענט, סעפטעמבער דעם 20־טען, 1921, אין 16 וועסט 21טע סטריט. ברודער וויינבערג אלס צייטווייליגער פארזיצענדער.

מיס פרידא בערמאן איז אויסגעשלאסען געווארען אלס א מיטגליד פון דער עקזעקוטיוו באארד צוליב דעם וואס זי איז פאר די לעצטע פיר וואכען נישט געווען אפוועזענט פון די זיצונגען פון דער באארד.

דער פראטאקאל פון דעם דזשאינט באארד זיצונג פון סעפטעמבער דעם 14־טען איז אויפגענומען און גוטגעהייסען געווארען אזוי ווי געלייענט.

א צושריפט איז דערהאלטען געווארען פון וויליאם בארגאן, דעלעגאט פון לאקאל 11 פון דעם דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער'ס יוניאן צו די סענטראל טריידס און לייבאר קאונסיל פון גרויס ניו יארק אין וועלכען ער פארלאנגט, אז מיר זאלען אינסטרואירען אונזערע דעלעגאטען צו דער דערמאנטער קערפערשאפט צו קומען צו אלע איהרע זיצונגען. אזוי ווי מיר האבען נאך נישט דערוועהלט קיין דעלעגאטען צו דער קערפערשאפט, זיינען די ברידער סטיימען, אזימאוו און ראטענבערג דערוועהלט געווארען צו רעפרעזענטירען אונזער ארגאניזאציע און זיינען אינסטרואירט געווארען צו באזוכען אלע מיטינגען פון אט דער קערפערשאפט.

א צושריפט איז דערהאלטען געווארען פון די טרייד יוניאן ליג פון ברוקלין, פארלאנגענדיג אז מיר זאלען זיך אן איהר אנשליסען. עס איז באשלאסען געווארען צו באוויליגען זייער פארלאנג און ברודער סטיימען איז דערוועהלט געווארען צו רעפרעזענטירען אונזער ארגאניזאציע.

לויט דער רעקאמענדאציע פון דער קאמיטע וועגען מעמבערס' מיטינגען איז באשלאסען געווארען, אז מיטינגען פון אלע בראנטשעס זאלען אפגעהאלטען ווערען דאנערשטאג, סעפטעמבער דעם 29־טען. עס איז באשלאסען געווארען לויט זייער רעקאמענדאציע, אז דער מיטינג פון דעם בראנקס בראנטש זאל אפגעהאלטען ווערען 7:30 אין אווענט. די קאמיטע איז אויך אינסטרואירט געווארען אויסצוארבייטען א פלאן ווי אזוי צו קאנטראלירען אונזערע מעמבער מיטינגען, אזוי אז נאר דרעסמאכערס, מיטגלידער פון אונזער ארגאניזאציע זאלען צוגעלאזען ווערען צו זיי און באריכטען וועגען דעם נישט שפעטער ווי צום נעקסטען מיטינג פון אונזער עקזעקוטיוו באארד.

די פינאנץ קאמיטע האט אריינגעבראכט איהר באריכט און ער איז פון דער עקזעקוטיוו באארד פארהאנדעלט געווארען.

א צושריפט איז דערהאלטען געווארען פון לאקאל 48, אין וועלכען זיי אנאנסירען די פייערונג פון זייער נייע־אויפגעבויטען הויז. זיי האבען פארבערייטעט אן אונטערנעהמונג צו שאפען געלט פאר די עטאבלירונג פון א „דעי נורסערי". צו דער געלעגענהייט גיבען זיי אויך ארויס א זשורנאל, און זיי פארלאנגען פון אונז צו קויפען טיקעטס און אריינשטעלען אן אדווערטייזמענט אין זייער זשורנאל. די פינאנץ קאמיטע האט באשלאסען דאס איבערצואווייזען צו דער עקזעקוטיוו באארד, ווייל זיי רעכענען, אז אזא אונטערנעהמונג פארדינט אונטערשטיצט צו ווערען מיט אזא סומע, וועלכע זיי זיינען נישט אויטאריזירט צו באשטימען.

דער רעפארט פון דער פינאנץ קאמיטע איז גוטגעהייסען געווארען און עס איז באשלאסען געווארען צו קויפען פאר 25 דאלאר טיקעטס און אריינגעבען אן אדווערטייזמענט פאר 25 דאלאר אין דעם זשורנאל וואס לאקאל 48 געהט ארויסגעבען.

דערמיט האט זיך דער מיטינג געשלאסען.

* * *

א צווייטע זיצונג פון עקז. באארד פון דער דרעסמאכערס יוניאן, לאקאל 22, איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג, סעפטעמבער דעם 27טען, 1921 אין 16 וועסט 21טע סט.

וואהלען פאר א פארזיצענדען פאר די קומענדיגע פיר וואכען איז געמאכט געווארען און שוועסטער קלארא גאלדבערג איז דערוועהלט געווארען.

דער פארלאנג פון דער קאמיטע, וועלכע איז דערוועהלט געווארען ביים דאון טאון מיטינג, צו געהן צו דער עקזעקוטיוו באארד און פאר איהר פארלעגען די פראגע וועגען די אויסשליסונג פון געוויסע מיטגלידער, איז ווידער באטראכט געווארען. א פארשלאג איז דאן געמאכט געווארען, אז אונזער ענטפער זאל זיין ווי פאלגט: אזוי ווי דער באשלוס וועגען די סוספענדירונג פון די מיטגלידער איז גע־פאסט געווארען פון דעם דזשאינט באארד און די מאיאריטעט לאקאלס האבען דעם באשלוס גוטגעהייסען, דעריבער איז די עקזעקוטיוו באארד פון אונזער לאקאל נישט די ריכטיגע אויטאריטעט אויפצונעמען דיזע אפעלאציעס, ווייל לויט די קאנסטיטוציע פון דער א. ל. ג. וו. י. און דער דזשאינט באארד, מוזען דיזע אפעלאציעס אויפגענומען ווערען פון א העכער קערפערשאפט, וועלכע איז אין דעם פאל די אינטערנעשאנאל. וועהרענד דער דיסקוסיע פון דעם פארשלאג איז אן אמענדמענט געמאכט געווארען, אז מיר זאלען גלייך צוריק אריינגעמען די אויסגעשלאסענע מיטגלידער. דער פארשלאג און דער אמענדמענט זיינען געשטעלט געווארען צום שטימען און דער פארשלאג איז אנגענומען געווארען.

די מיינונגען פון דער מאיאריטעט מיטגלידער פון דער עקזעקוטיוו באארד, וועלכע האבען געשטימט פאר דעם פארשלאג, איז געווען, אז די סוספענדירטע מיטגלידער זאלען זיך ווענדען מיט זייערע אפעלאציעס צו דער אינטערנעשאנאל, און די עקזעקוטיוו באארד וועט טאן אלץ אין איהר מאכט צו זעהען, אז זייער פראצעס זאל רעווידירט ווערען אזוי שנעל ווי מעגליך.

ברודער לואיס שאפירא האט אריינגעשיקט זיין רעזיגנאציע אלס א דעלעגאט צום דזשאינט באארד. זיין רעזיגנאציע איז אנגענומען געווארען.

עס איז באשלאסען געווארען אפצולעגען די וואהלען פון צוויי דעלעגאטען אויסצופילען די וואקאנציעס אין אונזער דעלעגאציע צו דעם דזשאינט באארד, ביז צו דער נעקסטער זיצונג פון דער עקזעקוטיוו באארד.

ברודער ראטענבערג, איינער פון דער קאמיטע, וועלכע איז דערוועהלט געווארען פאר דעם צוועק אויסצוארבייטען פלענער ווי אזוי צו קאנטראלירען די מעמבערס מיטינגען, אזוי אז בלויז דרעסמאכערס, מיטגלידער פון לאקאל 22, זאלען צו זיי צוגעלאזען ווערען, האט באריכטעט, אז די קאמיטע איז נאך ביז איצט נישט געקומען צו קיין באשטימטען באשלוס, כאטש פארשיידענע פארשלאגען זיינען באטראכט געווארען.

עס איז דעריבער באשלאסען געווארען, אז די עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער זאלען באשטימט ווערען צו די פארשיידענע בראנטש מיטינגען און זיי זאלען אכטונג געבען ביי די טירען אז נאר דרעסמאכערס מיט יוניאן ביכלאך זאלען אריינגעלאזען ווערען.

ברודער שעהנהאלץ האט אויפמערקזאם געמאכט אונזער עקזעקוטיוו באארד, אז אזוי ווי די גענעראל עקזעקוטיוו באארד איז איצט פארזאמעלט אין פילאדעלפיא צו איהר פערטעל יעהרליכער זיצונג, זאלען מיר דאריבער ציהען זייער אויפמערקזאמקייט צו דער אבנארמאלער לאגע וואס הערשט אין אונזער אינדוסטריע, צוליב דער לאנגער סלעק און די רעאקציאנערע כוואליע, וואס האט זיך אויפגעהויבען אין לאנד און דער פארזוך פון די באלעבאטים צו צעשטערען אונזער פארטיידיגונגס־וואנט און ארונטערצודריקען אונזערע ארבייטס באדינגונגען, וועלכע מיר האבען ערווארבען דורך לאנגע און ביטערע קאמפען. די עקזעקוטיוו באארד גלויבט, אז איצט, מעהר ווי אלע מאל, איז נויטיג איינינקייט אין אונזער ארבייט כדי אויפצוהאלטען אונזערע עהרליכטע ארבייטס־באדינגונגען. נעהמענדיג אין אכט אז די דרעס אינדוסטריע איז איצט אונטער דער יוריסדיקציע פון צוויי לאקאלס, 22 און 23, און עס קאן פאלגליך קיין פאראייניגטע שטעלונג נישט גענומען ווערען, האט די עקזעקוטיוו באארד דעריבער באשלאסען, אז מיר זאלען זיך דורכשרייבען מיט גענעראל עקזעקוטיוו באארד און ציהען זייער אויפמערקזאמקייט צו דיזער לאגע, און עס זאל פון זיי פארלאנגט ווערען דורכצופיהרען די פארווירקליכונג פון א פאראייניגטען דרעס לאקאל אין נויארק, וואס וועט זיין פון גרויס נוצען פאר די מיטגלידער פוןביידע לאקאלען.

מיט דעם האט זיך דער מיטינג געענדיגט.

י. שעהנהאלץ, סעקרעטאר.

קאנטריבוציעס פון ניו יארקער וויסט און דרעס שעפער פאר סאוועט־רוסלאנד

(ווייטערע קאנטריבוציעס).

קלאפער, 23 א. 125טע סט. — — 20.50

קריגמאן און פעלטץ, 145 וו. 30טע סט. דזש. קאנטאר, טשערמאן — 23.40

מ. קרוצראק, 11 א. 26טע סט. וו. עיזנער, טשערמאן — — — 60.05

ליליאן דרעס קא., 242—6טע עווע. מ. נאזאראוו, טשערמאן — — 57.75

לייאן קאסטום קא., 11 וו. 17טע סט. פ. בראגער, טשערמאן — 59.08

מענטש און סאנענבלום, 22 וו. 21טע סט. דזש. ארסידיאקאנא, טש. 43.50

מארוועל קאסטום קא., 19 וו. 21טע סט. ר. שיוויטץ, טשערמאן — 65.61

מאנדעל און פישער, 145 וו. 29טע סט. ס. באססערט, טשערמאן — 64.00

לידזשאן דרעס קא., 11 וו. 17טע סט, דורך טילי באלטשיק:

ב. אודינא — — — — $5.00
פ. פעלדמאן — — — — 5.00
ט. באלטשיק — — — — 5.00
י. ראטה — — — — 5.00
י. פלעישמאן — — — — 3.00
דזש. באלטשיק — — — — 5.00

$28.00 —

בעינער און סאן, 37 וו. 19טע סטריט, דורך מ. פרידמאן:

י. ספירא — — — — $4.00
לענא — — — — 3.00
בינסטאק — — — — 2.50
דאניעל — — — — 2.00
סעם — — — — 3.00
מארים פרידמאן — — — — 2.00
קאטיע — — — — 2.50
קאטיע — — — — 1.00
י. גראבשטיין — — — — 3.00
קאטער — — — — 2.00

25.00 —

שלעיפער און וויינשטיין, 133 וו. 19טע סט., דורך פ. העלמסאן:

ד. גראן — — — — $2.00
ר. בעאחר — — — — 2.00
מ. וועיס — — — — 2.50
מ. וויזראכין — — — — 1.50
וו. ליוויי — — — — 3.00
מ. טאמיקא — — — — 3.00
ר. האנינגספעלד — — — — 5.00
ס. מארריל — — — — 5.00
דזש. ליכטענשטיין — — — — 5.00
דזש. אנזיליני — — — — 1.50
ל. זאלקין — — — — 5.00
פ. העלמסאן — — — — 5.00
ק. פרידמאן — — — — 4.00
דזש. טאמבורעלא — — — — 4.00
א. מאגיסטא — — — — 2.00

50.50 —

ניו סטאר וויסט קא., 2336 דריטע עוועניו:

ס. עפשטיין — — — — $5.00
א. גרושמאן — — — — 5.00
מ. פאלקאן — — — — 3.00
מ. גודמאן — — — — 2.00
מ. קראקא — — — — 2.00
מ. רעכמאן — — — — 2.00
ב. זעלטצער — — — — 2.00
מ. פעראטשיא — — — — 2.00
ג. קלעין — — — — 2.00
פ. קאפומא — — — — 2.00
ר. ריבאלדא — — — — 2.00
ב. ריבאלדא — — — — 2.00
אגאטא קאלורי — — — — 2.00
מערי קאמיאלע — — — — 2.00
ר. ספראנג — — — — 2.00
פ. סאבעל — — — — 2.00
ק. סילפארא — — — — 1.55
א. בלום — — — — 1.00
פ. מאראקאפי — — — — 2.00
א. פראמא — — — — 2.00

45.55 —

שעיקען בראס., 127 וו. 26טע סט., דורך אננא מינטין:

מר. קרימשמאן — — — — $5.00
י. לעמי — — — — 5.20
מ. פארמאן — — — — 5.00
מ. גאזנער — — — — 5.20
מ. ברוק — — — — 5.00
ל. קלארק — — — — 5.20
דזש. פארמאן — — — — 3.00
מ. סאזאנא — — — — 2.27
ע. לעווין — — — — 4.54
ה. באלדין — — — — 2.00
ג. שאפירא — — — — 3.45
א. שילבערט — — — — 3.45

ר. סלאנים — — — — 3.45
ב. טשאיקען — — — — 4.14
ס. גאטליב — — — — 4.14
דזש. פאנאפסקי — — — — 4.15
ג. טחאלד — — — — 2.21
ס. מאבים — — — — 2.17
א. ראבלאוו — — — — 2.17
מרס. פעטאוו — — — — 2.17
קאטערין — — — — 2.09
ג. נאוד — — — — 2.20
ס. פאלעלא — — — — 6.50
דזש. פאלעווסקי — — — — 4.40
ע. פרידלאנד — — — — 5.20
מרס. ריסאקאף — — — — 5.20
ס. דזשיקאבסאן — — — — 3.30
א. מינטין — — — — 4.60
ג. לעווין — — — — 5.50
ס. שענין — — — — 6.30
א. שאפירא — — — — 6.50
ס. וואלאוועלסקי — — — — 5.50
י. פאגין — — — — 4.40
מ. שענין — — — — 5.20
אהן א נאמען — — — — .50

141.30 —

מ. סלוצקי, 31 וו. 31טע סט., דורך מ. בארשאוו:

ד. טשערי — — — — $5.00
ט. קוגעלמאן — — — — 5.00
א. אבעל — — — — 5.00
י. מאהלער — — — — 2.00
מ. בארשאוו — — — — 5.00
ל. וועינער — — — — 5.00

27.00 —

איירין דרעס קא., 45 א. 20טע סט., דורך ל. קלעין:

מ. ראנן — — — — $4.00
ר. איטקאוויץ — — — — 3.60
א. באנאנא — — — — 2.00
ס. זשעראלאמא — — — — 2.00
ע. דאמיקאלי — — — — 3.00
א. פאלינצי — — — — 2.00
פ. מאראגני — — — — 1.00

17.60 —

בלעיט בראס. און לאוו, 37 וו. 26טע סט., דורך ר. אלאניקא:

ע. בערנשטיין — — — — $4.00
ר. מאסטאסי — — — — 4.00
פ. לאפארנא — — — — 4.00
דזש. סענטינא — — — — 4.00
וו. סגאמפטי — — — — 4.00
ר. אלאנא — — — — 4.00
דזש. סענטינא — — — — 4.00
ר. קופערשטיין — — — — 4.00
מ. פאלקא — — — — 4.00
ג. ראזענפעלד — — — — 4.00
ב. קאהן — — — — 4.00
ע. הארוויץ — — — — 4.00
ס. קאהן — — — — 4.00
ר. קאהן — — — — 4.00
ע. קאמנעי — — — — 4.00
מ. קאמנעי — — — — 2.00
מרס. בראון — — — — .200
דזש. פלאטטי — — — — 4.00
פ. סאפיר — — — — 3.00
ע. שווארץ — — — — 4.00
מ. ראנעס — — — — 5.00
דזש. גערשטענפעלד — — — — 5.00
ס. לוסטגארטען — — — — 5.00
א. מאנדעל — — — — 4.00
ר. רובין — — — — 4.00
ל. ביאפסקי — — — — 4.00
ר. פאזנער — — — — 4.00
ר. קאפלאן — — — — 4.00
י. פרידענריטש — — — — 4.00
ר. פישמאן — — — — 4.00
מ. אנטריא — — — — 4.00
ע. ראבין — — — — 2.00
ג. הארוויץ — — — — 4.00
מ. פיאר — — — — 4.00
מ. סעקלער — — — — 4.00
א. לאפורינא — — — — 4.00
ב. פרידמאן — — — — 4.00
ס. פרענק — — — — 4.00
ס. אנטיגא — — — — 4.00
מ. סעטרולי — — — — 4.00
י. לעווים — — — — 4.00
ב. פעטערסאן — — — — 2.00
א. בארענא — — — — 4.00

166.00 —

ענגל און ליפצקי, 159 וו. 25טע סט., דורך . פארבער — — — 80.50

האי ארט דרעס קא., 126 וו. 22טע סט., דורך ת. גרינבערג — — 28.92

ס. מילאזא — — — — 10.00

אפיסערס פון לאקאל 10:

י. לעווין — — — — 11.00
דזש. פיש — — — — 10.00
ס. פערלמוטער — — — — 10.00
ס. ב. שענקער — — — — 10.00
ת. וואלק — — — — 5.00

אפיסערס און סטעף פון לאק. 22 און 25:

י. שעהנהאלץ — — — — 10.00
מיש. דזשייקאבסאן — — — — 9.15

(שלוס אויף זייט 15.)

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.00 per year.
Vol. III. No. 42. — Friday, October 14, 1921.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

די וואך

פון מאקס ד. דעניש.

פריהער ענטוואפענט די קאזאקען!

„פריהער טוט מען צדקה אין דער היים!” זאגט דער אמעריקאנער, וואס דאס מיינט, אז איידער מע פיינט זיך אויס פאר לייטען דארף מען פריהער זיין א לייטישער מענש אין דער היים.

אומגעפעהר אין אזא זין האט א דעלעגאט צו דער באלטימאר פעדעריישאן אוו לייבאר אריינגעבראכט א רעזאלוציע וועגען אנטוואפנונג. ווען פאר די דעלעגאטען איז פארגעלעגט געווארען גאמפערס'עס מעסעדזש, אין וועלכען ער פאדערט, אז די פעדערײשאן זאל ארגאנזשירען א גרויסען פראטעסט־מיטינג געגען מיליטאריזם, האט איינער פון די דעלעגאטען פארגעשלאגען, אז מ'זאל פרעזידענט הארדינג'ן אוועקשיקען אומגעפעהר אזא בריוועל!

„ברודער פרעזידענט, אונז דוכט זיך, אז עס איז א גאנץ גוטער כלל, אז צדקה זאל מען אנהויבען אין דער היים. אויב מיר ווילען אלגעמיינע אנטוואפנונג, לאמיר פריהער אנטוואפנען אונזערע אייגענע קאזאקען, די „שווארצע טרופערס” פון פענסילווייניא, ניו יארק, ניו דזשוירזי און אנדערע שטאטען, וואו מ'האט זיי אזוי אפט און טיכטיג באנוצט צו ברעכען סטרייקס”.

און דאס איז, אייגענטליך, גארנישט קיין שלעכטער געדאנק, הגם מיר ווייסען אז רוט, אנדערוואוד, לאדזש און יוהז, וועלכע וועלען פארטרעטען „דאס פאלק” אויף דער אנטוואפנונגס קאנפערענץ, וועלען זיך נישט אנכאפען אן דעם דאזיגען געדאנק און וועלען איהם נישט פארטיידיגען אין זייערע עפענטליכע ארויסטרעטונגען.

אונזערע קאפיטאנען פון אינדוסטריע און זייערע פריינד אין די הויכע פענסטער קענען זיך נישט ענטזאגען פון די סטרייק קאזאקען, סיידען אימיצער א פאטריאט וועט געפינען א ביליגערען מיטעל צו ברעכען סטרייקס. דער ביישפיל פון וועסט ווירדזשיניא, וואו די קוילמאגנאטען, האלטען אן א פריוואטע ארמעע פאר סטרייק־ברעכערישע און יוניאן ברעכערישע צוועקען, איז נישט אזא, אז די אנדערע אינדוסטריעלע באראנען זאלען איהם פאלגען. ס'איז „בעד ביזנעס”, ס'איז נישט געשעפטסמעסיג: אן ארמעע פון סטייט קאזאקען ווערט אויפגעהאלטען אויף דעם חשבון פון די מאסען און זי טוט די ארבייט פון ברעכען סטרייקס נישט ערגער, אויב נישט בעסער, ווי א פריוואטע ארמעע. אפילו אין וועסט ווירדזשיניא האט מען שוין איינגעזעהן דעם דאזיגען אמת, און מען האלט שוין דארט ביים דורכפיהרען א ביל, וואס זאל באשאפען פון־סטייט־באצאהלטע, סטרייק ברעכערישע קאזאקען.

ענגלישע ארבייטער און ענגלישע רעגירונג וועגען ארבייטסלאזיגקייט.

די ענגלישע ארבייטער האבען זיך ענטשיידען אנטזאגט מיטצוארבייטען מיט דער רעגירונג אין איהר פראגראם צו לייזען דעם קריזיס פון ארבייטסלאזיגקייט.

לעצטע וואך, אויף א געמיינשאפטליכען מיטינג, וואו עס זיינען אנוועזענד געוועזען פארטרעטער פון אלע צווייגען — פאליטישע און עקאנאמישע — פון דער ענגלישער ארבייטער־באוועגונג, איז ערוועהלט געווארען א קאמיטע, וואס זאל באגעגענען די ארבייט־געבער און די רעגירונג בלויז פאר באראטונגס־צוועקען. דורך דעם דאזיגען שריט ווארפט פון זיך די ענגלישע ארבייטערשאפט אראפ יעדע פאראנטווארטליכקייט פאר די רעזולטאטען פון דער רעגירונג'ס פאליטיק אין באצוג צו ארבייטסלאזיגקייט.

די פיהרער פון די ענגלישער ארבייטער טענה'ן, אז נאך פאר צוויי־יאהרען האבען זיי געווארענט די רעגירונג וועגען דער געפאהר פון ארבייטסלאזיגקייט, און די רעגירונג האט זיך צו זיי נישט צוגעהערט. איצטער, אז די געפאהר שטעהט שוין ביים שוועל, און די רעגירונג ווייס נישט וואס צו טאן, וויל זי ארויפווארפען א טייל פון דער פאראנטווארטליכקייט אויף די ארבייטער־פיהרער, כדי דערמיט צו ראטעווען איהר אייגענע פעל. ווילען די ארבייטער דעריבער נישט באטייליגען זיך אין די רעגירונגס־פלענער און ארויסשלעפען די רעגירונג פון א לאך. די ארבייטער פיהרער טענה'ן מיט רעכט, אז די רעגירונג האט גארנישט געטאן, ווען ס'איז נאך מעגליך געווען צו פארהיטען די איצטיגע לאגע, און אז אויך איצט וועט זי גארנישט אונטערנעהמען און גארנישט אויפטאן.

און ווידער אמאל זעהען מיר ווי אזוי איינע און די זעלבע לאגע ווערט באגעגענט ביי אונז און ביי לייטען. אין אמעריקא איז דער קריזיס א פיל שארפערער. די צאהל פון ארבייטסלאזע איז פיל גרעסער און די אויסזיכטען ערגער ווי אין ענגלאנד. אבער ווי אנדערש עס פיהרט זיך ביי אונז! אנשטאט דעם אז די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט זאל זיך אנטזאגען צו באטייליגען זיך אין די קאמעדיע פון לייזען די ארבייטסלאזיגקייט־פראגע, איז גאר די רעגירונג די יעניגע, וואס וויל נישט, אז די ארבייטער, „אלס א קלאס”, זאלען אנטייל נעהמען אין דער קאמעדיע־קאנפערענץ וועגען ארבייטסלאזיגקייט, און בלויז א הייפעלע ארבייטער־פארטרעטער ווערען צוגעלאזט צו דער קאנפערענץ און ווערען בטול בששים צווישען די קאפיטאליסטען און „אומפארטייאישע”.

וואלט עס נישט געווען בעסער פאר די ארגאניזירטע ארבייטער פון אמעריקא ווען זייערע פארשטעהער וואלטען מיט ווירדע זיך ענטזאגט צו זיצען ביי איין טיש מיט קאפיטאליסטען און וואשינגטאנער ביוראקראטען און צוזאמען פראבירען א קאמעדיע פון לייזען דעם איצטיגען קריזיס?

א גענעראל סטרייק אין אינדיע?

נישט אנדערש אז ס'איז עק וועלט! ווער האט עס פריהער געהערט וועגען אן עקזעקוטיווער קאמיטע פון א נאציאנאלען ארבייטער קאנגרעס פון אינדיע? אויב אפילו ס'איז אין אינדיע יא געווען אזא זאך ווי אן ארבייטער־באוועגונג, האט די ענגלישע צענזור געזארגט וועגען דעם, אז די ברייטע וועלט זאל דערפון נישט וויסען.

אבער „שלעכטע נייעס פאהרען שנעל”, און לעצטע וואך האט זיך אין דער פרעסע אריינגע'גנב'עט א סענסאציאנעלע שטיקעל נייעס וועגען אינדיע. הערט און שטוינט:

די ארגאניזירטע ארבייטער פון אינדיע האבען באשלאסען צו געבען א געהעריגען קבלת פנים דעם „פרינס אוו וועילס”, דעם יורש פון דער בריטישער קרוין, ווען ער וועט אין גיכען אנקומען נאך אינדיע. זיי האבען באשלאסען צו פייערען זיין אנקומען אין באמבעי מיט א ג ע נ ע ר א ל ס ט ר י י ק!

און טאמער איז דאס נישט גענוג, פאדערט אויף די עקזעקוטיווע פון דעם ארבייטער קאנגרעס, אז אין אלע שטעדט וואס דער פרינץ וועט באזוכען זאלען די לאקאלע ארבייטער קאמיטעס ארגאנזשירען באיקאטען. די בונטאווושטשיקעס ערקלעהרען אפען, אז די רעגירונג פון אינדיע פארטרעט נישט די אינטערעסען און די וואונשען פון דעם אינדישען פאלק און ווערט אנגעפיהרט אין די אינטערעסען פון ענגלאנד, וועלכע זוכט צו האלטען די אינדוסען אונטער איהר שווערען יאך.

ווייזט אויס אז עס טומעלט זיך אין אינדיע. די דארטיגע ארבייטער זיינען, קענטיג, אויף דעם וועג צו פרייהייט. צו דער געפלאנטער גענעראל סטרייק וועט זיין אן ערפאלג צו נישט — דער פאקט גופא, אז אזא סטרייק ווערט אונטערנומען, איז א סימן אז די אינדישע ארבייטער האבען ערוואכט און זיינען גרייט צו קעמפען פאר זייער פרייהייט.

יא, „איסט איז וועסט”, מזרח הויבט אן אויסצוקוקען ווי מערב. אין יאפאן פון איין זייט, און אינדיע פון דער צווייטער שטעהען אויף די ארבייטער־מאסען און פאדערען די אנערקענונג, וואס זיי קומט אלס א קלאס פון פראדוצירער. פונקט ווי אין מערב, פונקט ווי אין אייראפא, ווי ביי אונז.

אמעריקאנער ארבייטער אין פאליטיק

די קאנווענשאן פון דער מיינערס יוניאן האט לעצטע וואך אנגענומען א רעזאלוציע צו גונסטען פון באשאפען א נייע פאליטישע פארטיי פון ארגאניזירטע ארבייטער און ארגאניזירטע פארמערס.

מיר דארפען זיך נישט איילען פאראויסצוזאגען, וואס פון דער דאזיגער רעזאלוציע וועט ארויסקומען: מיר ווייסען אבער, אז די רעזאלוציע איז א גוטע, און אונז געפעלט זי. די מיינערס האבען די גרעסטע יוניאן אין אמעריקא. זיי קאנטראלירען די וויכטיגסטע אינדוסטריע פון לאנד. זייער איינשטימיגע ארויסטרעטונג פאר אן ארבייטער פארטיי איז א וויכטיגער און באדייטונגספולער שריט. די ארגאניזירטע ארבייטער פון גאנצען לאנד וועלען דערהערען דעם רוף פון דער מעכטיגער מיינערס יוניאן און וועלען זיך אפרופען.

אויך ווייסען מיר, אז די אינדוסטריעלע הערשער און זייער פרעסע געפעלט נישט דער שריט פון די מיינערס. די „גרויסע” צייטונגען האבען געשריבען וועגען דעם באשלוס פון די מיינערס מיט ערשטוינונג, שרעק און גאל. די „טיימז” איז, נאטירליך, די ערשטע אנצופאלען אויף די מיינערס. איהר געפעלט נישט דער פלאן, און זי זעהט נישט איין ווי אזוי אזוינע צוויי פארשיידענע עלעמענטען ווי פארמערס און ארבייטער קענען בילדען איין פארטיי. ווירקליך, ווי אזוי איז דאס מעגליך? פארמערס ווילען ביליגע ארבייטער און ארבייטער ווילען ביליגע פארם־פראדוקטען. די „טיימז” פארשווייגט, נאטירליך, דעם פאקט, אז די מעהרסטע פארמערס זיינען די קרבנות פון די גרויסע באנקירען און ספעקולאנטען, אז די פינאנץ־מאגנאטען דערלאזען נישט, אז תבואה און אנדערע פארם־פראדוקטען זאלען ווערען ביליגער, אז די הערשער איבער די שיקזאלען פון די ארבייטער זיינען אויך די הערשער איבער די שיקזאלען פון די פארמערס. ווען עס קומט צו אזא געפאהר ווי אן אומאפהענגיגע ארבייטער פארטיי, טאר מען זיך נישט רעכענען מיט פאקטען, מע דארף ראטעווען די „צוויי־פארטיי סיסטעם” ווי נאר מען קען: מיט זידלעריי, מיט בלבולים, מיט אן אנשטעל פון טיפזיניגקייט און „וויסענשאפט”.

ווי ס'זאל ניט זיין, ווילען מיר אבער גראטולירען די מיינערס. אויב די רעזאלוציע וועט נישט פארדוקט ווערען ערגעץ אין א שופלאר און מען וועט זיך טאקע נעהמען זי דורכפיהרען, וועט די אמעריקאנער ארבייטערשאפט דורכדעם באטרעטען דעם איינציג לאגישען וועג פון אומאפהענגיגער פאליטישער אקציע.

עקזעקוטיוו באארד מיטינג פון לאקאל 25

א זיצונג פון דער עקזעקוטיוו באארד פון דער וויסטמאכער'ס יוניאן, לאקאל 25, איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג דעם 27טען סעפטעמבער, 1921, אין 16 וועסט 21טע סטריט, אונטער דעם פארזיץ פון שוועסטער לינא גודמאן.

דער באריכט פון דעם דזשאינט באארד איז גוטגעהייסען געווארען מיט דער אויסנאהם פון דעם טייל, וואו עס ווערט איבערגעגעבען די האנדלונג פון דעם דזש. באארד איבער אונזער צושריפט פון סעפטעמבער דעם 21טען, 1921, אין וועלכען מיר האבען געצויגען זייער אויפמערקזאמקייט צו די אומגעזעצליכקייט פון זייער פראצעס, וואס האט געבראכט צו דעם, אז דריי פון אונזערע מיטגלידער, צוזאמען מיט עטליכע מיטגלידער פון אנדערע לאקאלס, זאלען סוספענדירט ווערען.

אין דער דיסקוסיע וואס דער באריכט האט ארויסגערופען האבען די מעהרסטע עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער, וועלכע האבען אין איהר אנטייל גענומען, אויסגעדריקט די פאלגענדע מיינונג:

„אין אונזער צושריפט צו דעם דזש. באארד, דאטירט סעפטעמבער דעם 21טען, 1921, האבען מיר זיי אויפמערקזאם געמאכט אויף די אומגעזעצליכקייט פון דעם פראצעס, וואס האט פאראורזאכט דאס סוספענדירען פון אונזערע מיטגלידער, און זיך שטיצענדיג אויף דיזע גרינדע האבען מיר פארלאנגט פון דעם דזשאינט באארד אז ער זאל צוריקרופען זיין באשלוס.

דער דזשאינט באארד האט זיך אנטזאגט נאכצוגעבען אונזער פארלאנג וועגען די אויסגעשלאסענע מיטגלידער, ער האט אבער ניט באשטריטען אונזער טענה וועגען די אומגעזעצליכקייט פון דעם פראצעס. דאס מעג ווערען אויסגעטייטשט אז דער דזשאינט באארד אנערקענט אונזער טענה פאר א גערעכטע און אין דעם פאל ווערט זייער באשלוס אויטאמאטיש בטל; פאלגליך האבען מיר א רעכט צוריק אריינצונעמען אין דער יוניאן אונזערע מיטגלידער וועלכע זיינען אזוי אומגעזעצליך סוספענדירט געווארען.”

דער סעקרעטאר, ברודער דזשייקאבסאן, האט געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון דער עקזעקוטיוו באארד צו דעם פאקט, אז ניט אכטענדיג אויף דעם וואס אונזער טענה איז, אז דער דזשאינט באארד האט אין דעם פאל געהאנדעלט אומגעזעצליך, איז די גענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן די איינציגע אויטאריטעטיווע קערפערשאפט ארויסצוגעבען וועגען דעם אן אורטייל. דעריבער, כדי עס זאל קומען א סוף צו אונזערע וכוחים, מוזען מיר אפעלירען צו דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד, אז זי זאל אומווארפען דעם אורטייל וואס דער דזשאינט באארד האט ארויסגעגעבען. אבער ביז די גענעראל עקזעקוטיוו באארד וועט נעמען א שטעלונג אין דיזער אנגעלעגענהייט, מוז דערווייל דער באשלוס פון דעם דזשאינט באארד זיין גילטיג און מוז דורכגעפיהרט ווערען פון אלע אנבאטרעפענדע לאקאלס. שליסליך, אויב מיר ווילען אז אונזערע מיטגלידער זאלען אריינגענומען ווערען אין דער יוניאן, מוזען מיר קריגען די צושטימונג פון דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד. אויב מיר זאלען אבער גלייך צוריק אריינגעמען אונזערע סוספענדירטע מיטגלידער וועט עס פיהרען צו דעם, אז אונזער לאקאל וועט אויסגעשלאסען ווערען פון דעם דזשאינט באארד און פון דער אינטערנעשאנאל.

ניט קוקענדיג אויף דעם וואס דער סעקרעטאר האט אנאליזירט די פאקטען אין דיזער אנגעלעגענהייט, און די פראקטישקייט צו געהן אויף דעם וועג אויף וועלכען ער האט אנגעצייגט, איז א פארשלאג געמאכט געווארען, אז די דריי סוספענדירטע מיטגלידער פון אונזער לאקאל, נעמליך, טשארלס זימערמאן, דייוויד פרידמאן און ראוז ניומאן זאלען צוריק אריינגענומען ווערען אלס מיטגלידער אין אונזער לאקאל, און אז דער סעקרעטאר זאל אינסטרואירט ווערען דורכצופיהרען דעם באשלוס פון דער עקזעקוטיוו באארד אהן ווייטערדיגען אפליי.

דער סעקרעטאר האט דאן דערקלערט אז עס טוט איהם לייד וואס ער איז געצוואונגען זיך צו אנטזאגען אויסצופאלגען דעם באשלוס פון דער עקזעקוטיוו באארד, וועלכער, ווי ער גלויבט, איז א דירעקטע איבערטרעטונג פון דער קאנסטיטוציע פון דער אינטערנעשאנאל. ער האט ווידער אנגעוויזען אויפ'ן פאקט, אז אזוי שנעל ווי דער באשלוס געהט אריין אין קראפט וועט אונזער לאקאל אויסגעשלאסען ווערען פון דעם דזשאינט באארד און אויך פון דער א. ל. ג. וו. י. און דארום וויל ער ניט אנטייל נעהמען אין א האנדלונג, וואס וועט פאראורזאכען אז אונזער לאקאל זאל געבראכט ווערען צו אזא צושטאנד. א פארשלאג איז דאן געמאכט געווארען און אנגענומען פון דער עקזעקוטיוו באארד צו אינסטרואירען דער מעמבערשיפ קאמיטע אז זי זאל צוריק אריינגעמען די סוספענדירטע מיטגלידער פון אונזער יוניאן.

א צושריפט פון סעקרעטאר איז געלייענט געווארען אין וועלכען ער ציהט די אויפמערקזאמקייט פון דער עקזעקוטיוו באארד, אז עס פעהלען א באשטימטע צאהל מיטגלידער אין די פארשיידענע קאמיטעס. אויף א פארשלאג איז באשלאסען געווארען אויסצופילען די וואקאנציעס. וואהלען האבען גלייך געפאלגט און עס זיינען דערוועהלט געווארען אזוי פיל מיטגלידער וויפיל עס זיינען געוועזען נויטיג צו אויספילען די קאמיטעס.

די פינאנץ קאמיטע האט אריינגעבראכט איהר באריכט און ער איז פארהאנדעלט און גוטגעהייסען געווארען.

די מעמבערשיפ און גריוועגס קאמיטע האט אריינגעבראכט איהר רעפארט און ער איז גוטגעהייסען געווארען אזוי ווי געלייענט.

טשארלס דזשייקאבסאן,
סעקרעטאר.

קלוגע ווירטהינס

האלטען אימער אין הויז א באקס

עקס־לאקס!

דאס רעגולירט די מאגענס פון דער גאנצער פאמיליע

און פארשפארט זיי דאקטאר בילס.

10, 25 און 50 סענט א באקס, אין אלע דראג סטארס.

טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען

לאמיר זיך טיילען מיט די ארבייטסלאזע!

ווערטהער הער רעדאקטאר פון „גערעכטיגקייט": —

איך קאן זיך ניט צוריקהאלטען פון אויסצודריקען מיין טיפסטען דאנק און אנערקענונג פאר אייער זעהר צייטליכען פארשלאג, ווי אזוי צו פארקלענערען די ארבייטסלאזיגקייט.

אייער פארשלאג פון צוטיילען די ארבייט האלב אויף האלב, מיט די אבסאלוט ארבייטסלאזע איז דער ריכטיגסטער און יושר'דיגסטער וועג ווי צו לעזען אדער פארקלענערען די פארפלוכטע פראבלעם פון ארבייטסלאזיגקייט. דאס מוז ווערען דער שלאגווארט אין יעדער ארבייטער ארגאניזאציע און פון יעדער אינדוסטריע, אז פאר דער צייט, ווען עס געפינען זיך ליידינגעהענדע ארבייטער פון זייער פאך און באשעפטיגונג, דארף זיין די ערשטע און בריודערליכע פליכט פרייוויליג צו טיילען זיך מיט די ארבייטלאזע „פיפטי־פיפטי". דאס איז אבסאלוט דער איינציגער אופן, ווי צו מאכען, אז אלע ארבייטער זאלען האבען די מעגליכקייט דורך ארבייט פארדינען אויף זייערע דערוויילינגע לעבענס נויטוועגדיקייטען און ניט דארפען אנקומען צו די אויגען־פארשווארצענדע און נשמה־באליידיגענדע טשאריטי איסטיטוציעס, וואס ווערען געשאפען פון די זעלבע הערען און דאמען וואס העלפען פריהער שאפען און אנהאלטען אזא ארדנונג, וואס פיהרט אז מיר ארבייטער זאלען מוזען קומען צו אזא מדרגה, אז מיר זאלען דערנאך דארפען אנקומען צו זייערע טשאריטי „אינסטיטושאנס"...

און איז ניט גלייכער, און מאראליש שטאלצער און איידעלער צו ברענגען אונזער מאמענטאלע הילף צו אונזערע מיט־ארבייטער וואס זיינען פלייש פון אונזער פלייש, דורך זעלבסט אפפערונג און דורך אויסגעשטרעקטע ברידערליכע האנד איידער לאזען זיי פאלען און ערנידריגען זיך און אנקומען צו טשאריטי?

ווייל, ווער עס ארבייט היינט איז דאך ניט זיכער, אז ער וועט ארבייטען מארגען, — ווען טויזענדע הונגעריגע שטעהען און ווארטען אויף דער געלעגענהייט צו פארנעמען מיין אדער אייער פלאץ אזוי שנעל ווי דער מעל הבית וועט געפינען פאר נויטיג צו מאכען דאס ליידיג...

עס איז אלזא אויך אין אונזערע אייגענע אינטערעסען צו באזארגען אז די מאסען ארבייטסלאזע זאלען ניט דארפען אויסגעהן דורך דעם מאנסטער — הונגער און קעלט, נאר זאלען האבען די מעגליכקייט צו עסען דאס זעלבע שטיקעל ברויט און פארזארגען זיך מיט א בעד און א דאך איבער'ן קאפ אזוי גוט ווי איך און איהר און הונדערטע אנדערע וואס האבען דעם מזל יא צו ארבייטען.

אם אין אני לי, מי לי?

יצחק עדעלשטיין.

ער ברייננט א ביישפיל פון זיין שאפ.

ווערטער רעדאקטאר פון „גערעכטיגקייט": —

איהר שרייבט: „ווארום זאלען אונזערע יוניאנס ניט אויספיהרען, אז אין דער איצטיגער עת צרה זאלען אלע, וועלכע געהערען צו אונזערע ארגאניזאציעס, האבען דאך עפעס צו טאן? אמת עס וועלען ליידען פאר א צייט אלע, וועלכע האבען א פולע וואך ארבייט דורך דעם, וואס זיי וועלען מוזען זיך טיילען מיט זייער ארבייט מיט די, וואס האבען גארניט, אבער איז עס ניט קלאר, אז דאס איז דער איינציגער מיטעל ווי צו רעטען אונזערע יוניאנס?" ווילט איהר דאך וויסען, ווערטער רעדאקטאר, ווי אזוי אונזערע „ראדיקאלע" קלאוקמאכער ווילען לייזען די ארבייטסלאזיגקייט פראגע און רעטען אונזערע יוניאנס? וועל איך אייך ברענגען א ביישפיל פון דער שאפ וואו איך ארבייט.

נאכדעם ווי מיר האבען אפגעארבייט א 13-14 וואכען, איז ביי אונז געווארען סלאו אין דער ארבייט. האט דער משפטמאן גערופען א מיטינג, און מען האט אנגענומען פאלגענדען בשלום (מיט דער צושטימונג פון ביזנעס אידזשענט):

יעדער ארבייטער האט א רעכט צו געהן ארבייטען אין נאך א שאפ אריין. און מיט דעם, וואס ער געהט אוועק פון שאפ, זאל ער ניט פארלירען דאס רעכט אויף דעם שאפ.

דאס מיינט, אז די לייטע, 60 אין צאהל, וועלען האבען צו צוויי פלעצער. אין איינעם וועלען זיי ארבייטען, און דער צווייטער וועט ווארטען אויף זיי, ווייל ווי נאר עס ווערט ארבייט, מוז דער באס שיקען נאך זיי. ער טאר קיין אנדערע ניט נעמען.

איך האב געטרייעט ביים מיטינג צו באווייזען אז עס איז ניט ריכטיג, אז מיר, וועלכע האבען שוין געמאכט א „סעזאן", זאלען פארנעמען די פלעצער פון די ארבייטסלאזע. איך האב געפרעגט דעם ביזנעס אידזשענט ווארום זאל די יוניאן פראטעקטען די לייט אויף צוויי פלעצער, אין שאפ וואו זיי וועלען ארבייטען און אין שאפ פון וואנען זיי געהען אוועק, אין דער צייט ווען עס געהען ארום אזוי פיל קלאוקמאכער און קאנען קיין אין שאפ ניט קריגען, האט ער געענטפערט, אז גערעכט בין איך טאקע, אבער מען קאן זיך ניט העלפען. מען האט זיך ביז יעצט אזוי געפיהרט און ער אליין קאן דאס ניט איבעראנדערשען.

נו, ווערטער רעדאקטאר, איך וואלט אייך געוואלט פרעגען, ווער עס האט דא מעהר שולד, צו די ארבייטער פון מיין שאפ, אדער עס איז די שולד פון דעם ביזנעס אידזשענט, וועלכער האט מורא געהאט אויפצוהויבען זיך העכער פון דער מאסע. ווייל ווען דער ביזנעס אידזשענט וואלט געזאגט צו די ארבייטער דאס ריכטיגע ווארט אין צייט, און איבערהויפט ווען ער וואלט ניט געגאנגען מיט זיי צום באס פראטעקטען זייערע פלעצער, וואלטען זיי דאך ניט אוועק געגאנגען פון שאפ. און די ארבייטסלאזע וואלטען געקאנט קריגען די אנדערע שעפער. יעצט קומט אויס אז איינינגע האבען צו צוויי פלעצער און איינינגע גארניט. און אויב איהר ווילט וויסען, וואס דאס מיינט פאר דער יוניאן, געהט דארט וואו די ארבייטסלאזע קומען זיך צונויף, הערט זיך צו, וואס זיי רעדען וועגען דעם.

מיט געזעלשאפטליכען גרוס,

מאקס קראוועטץ.

דער מעמאראנדום

ווערטער רעדאקטאר:

ווען דער רעפארם פון לעטען סעטלמענט צווישען די מאנופעקטשורערס און דער יוניאן איז אפגעגעבען געווארען צו די מעמבערס, דאס אלעס בלייבט ביי די אלטע קאנדישאנס, און מיר זיינען די אייגענע יוניאן, וואס מיר האבען געזינגט, זעלבסטפארשטענדליך, אז מיר האבען זיך געפרעהט מיט דיזען זיג. וואס זעהען מיר אבער יעצט?

שטעלט זיך פאר, אז א באס נעמט יעצט ארויף אן ארבייטער צו דער ארבייט. זעלבסטפארשטענדליך, טרייעט דידער מענש ארויסצוגעבען אזוי פיל ארבייט וויפיל ער קאן אום צו קריגען א גוטען פרייז פאר זיין ארבייט, און אום ער זאל בלייבען ארבייטען. די אלטע ארבייטער, ארבייטענדיג שוין עטליכע יאהר אין דעם זעלבען שאפ, און זייענדיג זיכער מיט זייערע דזשאבס, און וועלכע קריגען פון די פראספעריטי צייטען גרעסערע וויידזשעס ווי דער נייער, און וועלכע מאכען פיליכט ווייניגער ארבייט, — איז נעגען זיי האט דער באס א פרייעע האנט (!!!, רעדאקציע „גערעכטיגקייט") לויט דעם מעמאראנדום (!!!) צו דיסטשארדזשען. מיט זייערע טריקס דארפען זיי נאר באווייזען דאס זיי פראדוצירען ניט גענוג, קאנען זיי אונגעשטערט ארויפנעמען נייע מענשען, וואס ווילען ארבייטען נאר פאר די סקייל אף ווידזשעס און מיט דער צייט וועט דער סקייל אף ווידזשעס אונטערגעהן.

די ערגסטע זאך וואס וועט געשאפען ווערען איז שקלאפעריי; די ארבייטער, וויסענדיג דאס דער באס האט א רעכט צו דיסטשארדזשען פאר ניט פראדוצירען גענוג, וועלען נעהמען זיך יאגען און עס וועט ווערען איין איבערקעהרעניש. אנשטאט צו פארקלענערען די ארבייטסלאזיגקייט אזוי אז מיר מענשען זאלען זיין באשעפטיגט, וועט די ארמיי פון ארבייטסלאזע פארגרעסערט ווערען און דאס וועט זיין דער גרעסטער זיג פאר די מאנופעקטשורערס.

עס וואלט שוין פיל בעסער געווען, ווען עס וואלט עטאבלירט געווארען א צאהל ארבייט, וואלט וועניגסטענס דער ארבייטער געוואוסט, אז ער דארף אזוי פיל מאכען, און אזוי פיל דארף זיין ברויט געבער פארערען פון איהם, און דער ארבייטער וואלט געווען מעהר זיכער מיט זיין דזשאב, ווי יעצט.

איך פערזענליך בין אבסאלוט ניט איינפארשטאנען מיט אזא סיסטעם פון וואך ארבייט. עס איז די זעלבע שקלאפעריי ווי די שטיק ארבייט סיסטעם.

גרויס־קאפיטאל האט זיך ארגאניזירט צו צוברעכען די יוניאנס, קלעימענדיג דאס די ארבייטער פארדינען צו גרויסע וויידזשעס, דארום קאנען זיי ניט אפארען אנצוגעהן מיט זייערע ביזנעס. אבער וואס איז מכח די ארבייטער? אין דער קלאוקס אינדוסטריע ווערט געארבייט 4 מאנאטען אין יאהר, און לעבען דארפען מיר 12 מאנאטען אין יאהר. דארום זאג איך, דאס דער ארבייטער וואס ווערט באשעפטיגט ביי קלאוקס, דארף פארדינען 150 דאל. א וואך, אום עס זאל קאווערען פאר די איבעריגע 8 מאנאטען, און אויב דיזע סומע איז א צו גרויסע, זאלען דיזע הערען מאנופעקטשורערס זיך טיילען מיט אונז מיט זייערע פראפיטען, אדער זאלען זיי זיך שטעלען א קלענערען פראפיט, וועלען זיי קאנען מאכען און פארקויפען גענוג קלאוקס, און מיר וועלען זיין באשעפטיגט.

איך באשולדיג ניט די לידערס פאר מאכען דיזען מיסטייק. די שולד פאלט אויף אונז אליין, ווייל מיר שטעהען אפ פון דער יוניאן, מיר אטענדען ניט צו די מיטינגען, און אינטערעסירען זיך ניט אין אונזערע ברויט־פראגען. איך פארהאף אז פון היינט אן און ווייטער וועט יעדער זיין שטארקער צוגעבונדען צו דער ארגאניזאציאן און ווען מיר אלע וועלען זיין שטארק פאראייניגט, וועלען מיר קאנען צו יעדער צייט באקעמפען און צוריקשליידערען יעדען אנגריף אויף דער יוניאן און איינפיהרען אן ארענטליכע און מענשליכע וואך־ארבייט סיסטעם.

מיט ברידערליכען גרוס,

מאקס טוכמאן,

מעמבער לאקאל 35.

ער וויל איינפיהרען א גוטע רעפארם, ווילען ניט די ארבייטער

ווערטער רעדאקטאר פון „גערעכטיגקייט": —

איך בין דער טשערמאן פון א שאפ, וואו דער יעצטיגער סלעק לאזט זיך פיהלען גאנץ שטארק. איך האב דארום געוואלט איינפיהרען א רעפארם פון גערעכטיגקייט צו יעדען ארבייטער פון שאפ. איך האב געוואלט, אז אין דער שלעכטער צייט זאלען אלע ארבייטען אין „קאאפעריישאן". האב איך זיך ערווארבען א שטארקע געגנערשאפט אין די פערזאנען, וועמען די נאטור האט באשאנקען מיט א ביסעל מעהר שנעלקייט — צו נעהען קלאוקס.

עס פארשטעהט זיך, אז ווען עס איז דא א פולע וואך ארבייט, האט יעדער איינער א רעכט זאגאר צו שפארען געלד פון זיין ארבייט, לויט זיינע פעהיגקייטען. אבער, ווען עס איז סלעק און מען קאן זאגאר אויף דעם געוועהנליכען עסען ניט פארדינען, האט קיינער קיין רעכט ניט צו פארלאנגען א גרעסער שטיקעל ברויט בלויז דערפאר וואס ער קאן מאכען שנעלער קלאוקס. דאכט זיך גענוג לאגיש? אבער ניט פאר די, וואס האבען בלויז זיך אין זינען.

צו זיין גערעכט צו מיינע געגנער וועל איך איבערגעבען זייערע טענות.

זיי זאגען, אז אונטער שטיק־ארבייט האט א קאמיטע פון שאפ געסעטעלט די פרייזען פון יעדען שטיק ארבייט פאר דעם גאנצען שאפ. דערפאר האט מען בעדארפט זיך טיילען מיט דער ארבייט אין סלעק. היינט אבער איז פארקעהרט. יעדער ארבייטער מאכט דעם פרייז פאר זיך זעלבסט. דערפאר, אויב ער האט זיך אפגענארט מיט דעם פרייז, אדער ער האט ניט געקאנט קריגען קיין גרעסערען פרייז, דארפען די שנעלע פון דעם ניט ליידען. און מען דארף זיך בלויז טיילען מיט די שטונדען און ניט מיט דער פעי.

איך מוז באמערקען, אז זיי זאגען, אז ברודער בארקין, אן אפיסער פון דער יוניאן, האט עס אזוי אויסגעטייטשט. און יעצט וועל איך באווייזען, ווי ווייט אומגערעכט זיי זיינען מיט ברודער בארקין אלס אויסטייטשער.

דער אונטערשייד צווישען שטיק־ארבייט און וואך־ארבייט איז טאקי זעהר גרויס, אבער אין איין פונקט בלייבען זיי דאך איינס: פונקט ווי אונטער שטיק־ארבייט קריגען היינט די שנעלערע העכערע וויידזשעס אלס די לאנגזאמערע; טא פאר וואס זאלען היינט די לאנגזאמערע ארבייטער ניט אהיים נעהן מיט גלייכע פעי אין סלעק טיים, פונקט ווי אונטער שטיק ארבייט?

זייער ענטפער אויף די דאזיגע טענה איז דאס באקאנטע שטעכווערטעל: „ניט זיי געלד". ווייל איך זיי איבערצייגען אז עס איז גראדע פארקעהרט. איהר זאלט וויסען, נעגנער פון ארבייטען אין קאאפעריישאן אין סלעק טיים, אז דער באס צאהלט אייך ניט מעהר געלד פאר די זעלבע שטונדען ארבייט ווי א צווייטען פאר אייער שעהנעם אויסזעהען, אדער פאר אייער הויכער אינטעליגענץ. איהר קריגט מעהר באצאהלט בלויז פאר מאכען מעהר באנדעלס. פרעג איך אייך, אויב איהר האט א רעכט אין סלעק טיים צו נעמען מעהר באנדעלס ווי די ווינציגער שנעלע? און אויב איהר נעהמט יע מעהר באנדעלס אז עס זאל אויסקומען גלייכע שטונדען, זאלט איהר וויסען, אז איהר רייסט ארויס דעם ביסען פון א צווייטען'ס מויל.

איך וויל באמערקען נאך איין זאך:

איך ווייס אז דער אגרימענט מיט דער אסאסיאיישאן האט נאך צו לעבען א פאר וואכען און א נייער אגרימענט וועט דארפען געשאפען ווערען. דענק איך, אז עס איז נויטיג אויפמערקזאם צו מאכען אונזערע פארשטעהער אויף דעם אונשולדיגען פונקט, אז אנשטאט צו טיילען גלייכע שטונדען, זאל מען טיילען גלייכע שטיקלאך ברויט אין סלעק טיים.

מיט רעספעקט,

מאקס האכמאן,

מעמבער פון לאקאל 1.

יוניאן־רעסטאראנען

ווערטער רעדאקטאר: —

עס איז, אפשר, א פאנטאזיע, אפשר איז דאס צו פיל פארלאנגט, עס איז אבער מיין ליבלינג־געדאנק, און איך בעט אייך דארום א שטיקעל פלאץ אין אונזער זשורנאל פאר דעם פאלגענדען „פראיעקט".

אלע, וועלכע זיינען באקאנט מיט דער געשיכטע פון אונזער יוניאן ווייסען ווי אפצושעצען די גרויסע ארבייט אירע. שטייענדיג אויף דער וואך, ווי א געטרייע וועכטערין, אימער באשיצענדיג די אינטערעסען פון אירע מיטגלידער אין'ם קאמף מיט אונזערע אינערליכע דירעקטע שונאים. וואלט דען ניט געווען ווינשענסווערט, אז זי זאל אונז אויך באשיצען פון אויסערליכע?

אונזער יוניאן קען לידער גאר ניט טאן נעגען דער גרעסטער פיאווקע, דעם לענדלארד, וועלכער זויגט אויס היינטצוטאג דעם גרעסטען טייל פון'ם ארבייטערס וויידזשעס. אונזער יוניאן קען אירע מעמבערס גאר ניט העלפען נעגען אנדערע פראפיטירערס. איך גלויב אבער, אז ס'איז דא א גרויסע מעגליכקייט צו באזארגען יעדען נוטשטעהענדען מעמבער מיט א מאלצייט יעדען דינער־טיים אין אונזערע אייגענע רעסטאראנען אין די קלאוקס־דיסטריקטען.

עס איז זעהר וויכטיג, אז נאך די ערשטע 4 שטונדען ארבייט זאל מען געניסען פאר א באשטימטען פרייז א נארהאפטען געזונטען מאלצייט, אום צו האבען כוח פאר דעם צווייטען האלבען טאג ארבייט, און ניט דארפען זיין אפהייננינג פון דעם רויבערשען אידישען רעסטאראטאר, וועלכער וויל זיך גאר ניט שיידען מיט די מלחמה־פרייזען פאר א ביסעל זופ, וואס איין גאט ווייס וויפיל מאל דאס איז שוין איבערגעקאכט געווארען.

דאס איז, גלויב איך, אזוי וויכטיג צו פארזארגען, ווי ביכער צום לעזען, אדער א דאקטאר־באהאנדלונג.

צום באדויערען אבער נעמט קיינער קיין שטעלונג אין באצוג צו דיזער פראגע. מיר זיינען הפקר, און יעדער וואס האט נאר א קאפיטאליסטישען יושר, רייסט די הויט. יער „פארווערטס" איז די איינציגע אידישע צייטונג, וואס שרייבט אמאל דערפון, אבער דער רעזולטאט איז, אז מען צאהלט זעהר הויכע פרייזען פאר אומגעזונטע שפייז. די איינציגע הילף דערצו קען אונז געבען אונזער ארגאניזיישאן, געהענדיג נאך א שריט פארווערטס, און מאכענדיג איהר רעקארד נאך גלענצענדער.

איז דאס אפשר צו פיל פארלאנגט? איז דאס א פוסטע פאנטאזיע, וואס קען ניט דורכגעפירט ווערען?

מיט אכטונג,

סעם קייזער.

קלאוקמאכער יוניאן וועט העלפען דעם סאציאליסטישען קאמפיין

(שלוס פון זייט 1).

48; דעסעל, לאק. 64, און גראף, פון לאקאל 82.

פון די דזשאינט באארד באאמטע זיינען אין דער קאמיטע: י. פיינבערג, דזשענעראל מענעדזשער; פיליפ קאפלאוויץ, דער טרעזשורער; לואיס לאנגער, דער סעקרעטאר; פינקאפסקי, דער טשערמאן, און די רעפארטמענט מענעדזשערס: סאל. מעטז, ה. רובין, י. פריזאמט, מ. בראדפיעלד, י. באבימש, ה. סלוצקי, קארטאנומא און שארפ.

די פינאנס קאמיטע איז אינסטרואירט געווארען אויסצוארבייטען א וועג פאר פינאנציעלע הילף אויף א גרויסען שטייגער.

נאָטיצען פון עדיוקיישאַנאַל דעפּאַרטמענט

די קורסען וואס ווערען געגעבען דעם סעזאָן אין די יוניטי סענטערס.

פאליסים אין אמעריקאנעם טרייד־יוניאניזם

איינער פון די וויכטיגסטע קורסען וואס וועט געגעבען ווערען נעקסטען סע־זאָן אין אונזער ארבייטער אוניווערזי־טעט וועט זיין דער קורס איבער די פּאָ־ליסיס פון אמעריקאנער טרייד־יוניאניזם אונטער'ן אויפזיכט פון דר. לעאָ וואָל־מאַן.

אין א עהנליכען קורס לעצטען סע־זאָן איז אָנגעוויזען געוואָרען, דאָס די פּאָליסיס פון יערע יוניאָן ווענדעט זיך א סך אָן דער אינדוסטריע, אין וועלכער די יוניאָן איז אויפגעוואקסען. אָט די אידעע וועט ווייטער ענטוויקעלט ווערען אין דעם איצטיגען שטודיום פון די טרייד יוניאָן פּאָליסיס און פּראָבלעמען.

אין דעם קורס וועלען גענוי באטראכט ווערען די פּאָליסיס און פּראָבלעמען פון דער ליידיס גאַרמענט אינדוסטריע, אין צוזאמענהאנג מיט דער גאנצער אמערי־קאַנער טרייד־יוניאָן באוועגונג. אין דעם קורס וועט אויך אריין די פראגע פון ארבייטער־קאָנטראָל איבער דער אינדוס־טריע; עס וועט אָנגעוויזען ווערען, ווי ווייט עס האַלט מיט דעם איצטער, און ווי ווייט מען קאָן ערווארטען זיי זאָלען געהן אין דער צוקונפט.

דער מאַטעריאַל פאר דעם קורס איז צונויפגעשטעלט געוואָרען פון דר. וואָלמאַן. ער האָט נאָכגעזוכט די רעקאָרדס פון די וויכטיגע יוניאָנס אין אמעריקא, און הויפּטזעכליך די רעקאָרדס פון אונזער אינטערנעשאָנאַל יוניאָן. ער האָט נאָכ־געזעהען די רעקאָרדס פון אלע אונזערע קאָנווענשאָנס, פון אונזערע שריפטען און פון אונזערע דעפּאַרטמענטס, פון אַמאָל און פון איצטער.

דער רעזולטאַט פון אָט דעם גענויען נאָכזוכען וועט פאָרקערפּערט ווערען אין דעם קורס, פון וועלכען אונזערע סטודענ־טען וועלען געוויס קאָנען א סך לערנען וואָס וועט זיין פאר זיי פון גרויס נוצען.

אין דעם קורס וועט דר. וואָלמאַן האָ־בען די מיטווירקונג פון נאָך אַנדערע ספּעציאַליסטען.

אין־די עניניס פון אונזער אינטערנע־שאָנאַל וועלען איהם מיטהעלפען די פּאָל־גענדע פּערזאָנען:

פּרעזידענט שלעזינגער וועט רעדען וועגען די פּראָבלעמען פון אונזער יוניאָן.

אלעקסאנדער טראַכטענבערג וועט רעדען וועגען די פונקציעס פון רעקאָרד און ריסוירטש דעפּאַרטמענט.

נייטען וואָלף, אינטערנעשאָנאַל אויר־דיטאָר, וועט ערקלערען די סיסטעם, לויט וועלכער עס ווערען געפיהרט די פינאַנצען אין דער יוניאָן.

די פּראָבלעמס פון דער אינטערנע־שאָנאַל וועלען אויך דיסקוטירט ווערען פון ראָבערט וו. ברוער, דער דירעקטאָר פון די „ביוראָ אָוו אינדוסטריאַל ריסוירטש". ער איז מיט אונזער יוניאָן באַקאַנט שוין פון פילע יאָהר. ער וועט אויך רעדען וועגען דער אָרגאַניזאַציע פון די מיינערס.

ראָבערט בלעקמאַן וועט רעדען איבער די פּראָבלעמען אין דער שטאָהל אינדוס־טריע. אויסער די דערמאָהנטע פּערזאָ־נען וועלען זיך אין דעם קורס באטייליגען קאַרטער ל. גודריטש, פּאָוועל זימאַנד, מאָריס ראָטענבערג, און נאָך אַנדערע.

די אמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר וועגען אונזער עדיוקיישאַנאַל ארבייט.

מיר דרוקען דאָ א בריף פון ברודער פראַנק מאָריסאָן, דער סעקרעטער פון דער אמעריקאַן פעדערישאָן אָוו לייבאָר, אין וועלכען ער גיט איבער אין קורצען וואָס ער דענקט וועגען אונזער עדיוקיישאַנאַל טעטיגקייט.

ער שרייבט צווישען אַנדערעס:

„.... איך פאַרשטעה דעם צוועק און די אידעאַלען פון דער עדיוקיישאַנאַל באַוועגונג, און די אינטערנעשאַנאַל לידיס גאַר־מענט וואָירקערס יוניאָן דאַרף באַגריסט ווערען פאר דער אָנשטרענגונג וואָס זי מאַכט, אויפצוועקען ביי די מיטגלידער א וואונש פאר בילדונג, וועלכעס מאַכט פון די מענשען פּאָלקאָמענע מענער און פרויען.

אין בין מעהר פאַראינטערעסירט אין דעם פאַקט, דאָס די ארבייטער שטודירען, ווי אין דער מעטאָדע פון שטודיום, ווייל מיט דער ענטוויקלונג פון זייער דיינקונגס קראַפט, וועלען זיי שוין שפּעטער אליין אויסגעפינען, ווי צו מאַכען פונ'ם וויסען וואָס זיי באַקומען דעם בעסטען געברויך פאר זיך און פאר די געזעלשאַפט.

איך האָף דעריבער, דאָס די מיטגלי־דער פון דער אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן וועלען געבען זייער שטיצע צו דער עדיוקיישאָנאַל באַ־וועגונג מיט'ן גאנצען הארצען.

ברידערליך אייער,

פריינק מאָריסאָן,

סעקרעטער א. פ. אָוו ל.

די פאָרמאַלע ערעפענונג פון אונזער עדיוקיישאָנאַל סיזאָן

מיר באַקומען אָנפראַגען פון אונזערע מיטגלידער, ווען עס וועט פאָרקומען די אָפיציעלע ערעפענונג פון אונזער עדיור־קיישאָנאַל סיזאָן.

די ערעפענונג פון אונזער עדיוקיי־שאָנאַל סיזאָן איז געוואָרען א וויכטיגע ערשיינונג אין דער געשיכטע פון אונזער יוניאָן. עס איז געוואָרען א וויכטיגע פאַסירונג אין דער ארבייטער באוועגונג. פון אומעטום גיט מען קרעדיט אונזער אינטערנעשאָנאַל פאר דער ענערגיע וואָס זי פאַרווענדעט, אויפצוהויבען דעם גייס־טיגען שטאַנד פון די מיטגלידער.

אין די איצטיגע שלעכטע צייטען, האָט די יוניאָן גענוג שווערע ארבייט אויפצוהאַלטען די סטאַנדאַרדס פון די ארבייטער אין די שעפּער, און עס קאָן שיינען, אז דאָס האָט געדאַרפט אוועק־נעמען ביי דער יוניאָן די גאנצע ענערגיע. און די יוניאָן קאָן ווירקליך שטאָלץ זיין, דאָס א חוץ יענע אלע שוועריגקייטען, גיט זי אָפּ אַזוי פיל ענערגיע פאר דער עדיוקיישאָנאַל טעטיגקייט.

די פאָרמאַלע ערעפענונג וועט דעם יאָהר געפייערט ווערען ווי געוועהנליך. מיר וועלען האָבען גוטע מוזיק, אינטערע־סאַנטע רעדעס, וואָס וועלען דעם מאָל, ווי אלע מאָל, ארויסרופען ענטוזיאַזם ביי דעם גרויסען עולם וואָס קומט צו אונ־זערע ערעפענונג יום טובים.

און היינטיגס מאָל ערווארטען מיר, דאָס די ערעפענונג־שמחה וועט זיין נאָך גרעסערער ווי פריהער, עס וועט זיין אַן אמת'ער קוואַל פון באַגייסטערונג פאר אונזערע מיטגלידער, וואָס קומען אין זעהר גרויסע מאַסען יעדעס מאָל ווען מיר פייערען די ערעפענונג פון עדיוקיישאָנאַל סיזאָן. די ערעפענונג וועט פאָרקומען פרייטאָג אָוועגט, דעם 18טען נאָוועמבער, אין אוידיטאָריום פון די וואַשינגטאָן אורווינג היי סקול.

די „ניו סקול אָוו סאָשעל ריסוירטש".

מיר ווייסען, אז מאַנכע פון אונזערע מיטגלידער ווילען זיך באטייליגען אין די קורסען פון דער „ניו סקול אָוו סאָשיאַל ריסוירטש", אין 465 וועסט 23טע סט., און אונזער עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרטמענט האָט דעריבער געמאַכט ספּעציעלע אַראַנזשמענטס, דאָס אונזערע מיטגלידער זאָלען קענען נעהמען די קורסען פאר א ביליגען פּרייז, בלויז 5 דאָלאַר א קורס.

די וואָס ווילען זיך באַנוצען מיט דער געלעגענהייט זאָלען זיך גלייך מעלדען אין אָפיס פון עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרט־מענט, 31 יוניאָן סקווער, רום 1003, וואו זיי וועלען באַקומען די רעדזשיסטריישאָן קאַרדס.

טיקעטס פאר קאָנצערטען פאר א האַלבען פּרייז.

מיר האָבען געמאַכט אַראַנזשמענטס מיט דזשאָזעף מען פון 32 יוניאָן סקווער אז אונזערע מיטגלידער זאָלען באַקומען טי־קעטס פאר ערשטע קלאַסע קאָנצערטען פאר האַלבען פּרייז. די קאָנצערטען, פאר וועלכע מען וועט קאָנען קריגען די ביליגע טיקעטס, וועלען מיר יעדע וואָך אָנאָנסירען. קומט אין אונזער אָפיס ארויסנעהמען א סיזאָן־קאַרד פאר די קאָנצערטען.

דערווייל קאָנען מיר שוין אָנאָנסירען די פאָלגענדע קאָנצערטען:

מאָנטאָג אָוועגד, 17טען אָקטאָבער. קאָנצערט אין קאַרנעגי האָל. וויאָלין־ריסייטעל פון דעם רוסישען פידעל־שפּי־לער בראָניסלאָוו הובערמאַן.

דעם פרייטאָג אָוועגט, 14טען אָקטאָ־בער, וויאָלין רעסייטעל אין טאַון האָל, פון פראַנסיס מאַקמילאַן.

שבת מאַטינע 15טען אָקטאָבער, פּיאַ־נאָ ריסייטעל פון דער באַריהמטער עללי ניי, אין קאַרנעגי האָל.

די געשיכטע פון דער אמעריקאַנער ארבייטער באַוועגונג

פון מאַקס לעווין.

(שלוס פון לעצטע וואָך).

2. — ענטוויקלונג.

1. אין יאַנואַר 1905 שטאַטפינדעט א קאָנפערענץ פון דעלעגאַטען פון „וועס־טערן פעדעריישאָן אָוו מיינערס" פון „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אלייַ־ענס", פון „נעשאָנאַל יוניאָן אָוו ברוירי וואָירקערס" און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. דער קאָנפערענץ גיט ארויס די זאָגענאַנ־טע „אינדאַסטריעל יוניאָניסט מאַניפעס־טאָ" און שיקט ארויס אַן אויפרוף פאר א קאָנווענשאָן.

2. די קאָנווענשאָן ווערט געהאַל־טען אין דעמזעלבען יאָהר, און ביי דער קאָנווענשאָן ווערט געגרינדעט די „אינ־דאַסטריעל וואָירקערס אָוו די וואָירלד".

א) ביי דער קאָנווענשאָן זיינען גע־ווען פאַרטראַטען דריי פאַרשיעדענע עלע־מענטען:

1) סאָציאַליסטען, וועלכע גלויבען אין פּאָליטישע אקציאָן.

) סאָציאַליסטען, וועלכע גלויבען הויפּטזעכליך אין אינדוסטריעלען קאַמף.

3) אַנאַרכיסטען מיט א נייגונג פאר דעם פראַנצויזישען סינדיקאַליזם.

אלע זיינען אבער געווען איינפאַר־שטאַנען, אז די פאָרמע פון אָרגאַניזאַ־ציאָן זאָל זיין די אינדוסטריעלע.

ב) די גאַנצע מאַכט פון דער אָרגאַ־ניזאַציע איז געווען זעהר קאָנצענטרירט, און אונבאַשריינקטע מאַכט איז געגעבען געוואָרען צו דעם פּרעזידענט און עקזעקו־טיוו קאָמיטע פון דער צענטראַלער אָרגאַ־ניזאַציע.

ג) צוערשט האָט די „אי דאַבל־יו דאַבל־יו" ניט צוריקגעווידען פּאָליטישע אקציאָן. אבער די דריטע קאָנווענשאָן, וועלכע ווערט אָפּגעהאַלטען אין 1908, ווייזט צוריק וועלכע עס איז פּאָליטישע אקציאָן, אַנטזאָגט צו אַנערקענען דאַניעל דע ליאָן אלס דעלעגאַט, ענדערט די קאָנ־סטיטוציע, מיט דעם רעזולטאַט, דאָס זי איז געוואָרען עהנליך צו דעם פראַנצוי־זישען סינדיקאַליזם.

3. — טעאָריען.

די גרונד־טעאָריען פון די „אי־דאַבל־יו דאַבל־יו" זיינען:

די געזעלשאַפט באַשטייט היינט פון צוויי באַזונדערע קלאַסען, ארבייטער און ארבייטס־געבער; די אינטערעסען פון איין קלאַס איז אין געגענזאַץ צו די אינ־טערעסען פון דעם אַנדער קלאַס; דאָס גאַנצע רייכטום ווערט געשאַפען פון דעם ארבייטער קלאַס; די ארבייטער ווערען עקספּלואַטירט פון די קאַפּיטאַליסטען; א שטענדיגער קאַמף געהט אָן צווישען די צוויי קלאַסען, און עס קען קיינמאָל ניט הערשען פרידען צווישען זיי; די ארבייטער וועלען ניט געניסען די פולע מאָס פון זייער פּראָדוקציאָן ביז וואַנען זיי וועלען ניט האָבען די גאַנצע געזעל־שאַפטליכע מאַכט אין זייערע הענד; די ארבייטער מוזען זיך שוין לערנען, ווי אַנצופיהרען די פאַרשיעדענע אינדוסט־ריען און די אַלגעמיינע געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט, אום צו זיין געגרייט איבער־צונעהמען די פיהרערשאַפט, ווען די סאָ־ציאַלע רעוואָלוציאָן וועט ענדליך קומען.

4. — ציעלען.

די ציעלען פון די „אי דאַבל־יו דאַבל־יו" איז אָבצושאַפען די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג צוזאַמען מיט פּריוואַט אייגענ־טום פון די מיטלען פון פּראָדוקציאָן; שטרעבט איבערצוגעבען די גאַנצע גע־זעלשאַפטליכע און אינדוסטריעלע מאַכט אין די הענד פון די ארבייטער. איהרע אַנהענגער זיינען אבער נאָך ניט איינ־שטימיג וועגען די געזעלשאַפטליכע אָרד־נונג, וועלכע זיי וועלען שאַפען נאָך דעם, ווען זיי וועלען שוין האָבען די גאַנצע מאַכט.

5. — מעטאָדען.

די מעטאָדען פון די „אי דאַבל־יו דאַבל־יו" טראָגען אימער א קריגערישען כאַראַקטער, שטרעבען צו אָרגאַניזירען אלע ארבייטער אין איין מעכטיגע קעמ־פענדע אָרגאַניזאַציאָן, אָדער „וואַן ביג יו־ניאָן" אזוי, אז די גאַנצע מאַכט פון דעם גאַנצען ארבייטער קלאַס זאָל זיין גע־גרייט צום קאַמף פון ענדליכע באַפריי־אונג. געברויכט דירעקטע אקציאָן, ווי דעמאָנסטראַציעס, סטרייקס, סאַבאָ־טאַזש א. ז. וו.

6. — אויפטואונגען.

אויסער עטליכע געוואונענע סטרייקס האָט די „אי דאַבל־יו דאַבל־יו" דערווייל קיין סך ניט אויפגעטאָן, און האָט ביז היינט צו טאָג צונויפצוציגען זעהר ווייניג מיטגליעדער. מען מוז אבער באַצייכע־נען איין גרויסען פאַרדיענסט פון די „אי דאַבל־יו דאַבל־יו" נעמליך, וואָס זי האָט פּאָפּולער געמאַכט די נויטווענדיגקייט צו אָרגאַניזירען די פּאַכלאַזע און שלעכט באַצאָהלטע ארבייטער, וועלכע זיינען אינגאַנצען פאַרנאַכלעסיגט פון די א. פ. אָוו ל.

טעאַטער טיקעטס פאר האַל־בען פּרייז.

אונזער עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרטמענט האָט געמאַכט אַראַנזשמענטס מיט'ן אי־רישען קונסט טעאַטער, מעדיסאָן עוועניו און 27טע סטריט, דאָס די מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאָנאַל זאָלען באַ־קומען טיקעטס צו האַלבען פּרייז פאר די פאָרשטעלונגען מאָנטאָג, דינסטאָג, מיט־וואָך און דאָנערשטאָג אָוועגד, און שבת און זונטאָג מאַטינעס.

די מיטגלידער וואָס ווילען באַקומען די ביליגע טיקעטס דאַרפען האָבען א קאַרד צו ווייזען אין באָקס אָפיס פון טעאַטער. די קאַרדס קאָן מען באַקומען אין אָפיס פון עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרט־מענט, 31 יוניאָן סקווער. אַזאַ קאַרד קאָסט בלויז 5 סענט, און איז גוט פאַר'ן גאַנצען סיזאָן.

זייערע מעלות האָבען פערניכטעט פּרייז און טערקישע און סיגאַרעטס

ביטש נאַט

סיגאַרעטס

איהר קענט ניט העלפען איהר מוזט זיי גלייבען

20 פאר 15¢

Lorillard Co.

ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע

פון א סטעף רעפארטער.

א טשיקאגוער בריוועל פון א נאאיווען אידען אין פילאדעלפיע. — ער מיינט גוט אבער? — ברודער אמדור לאזט זיך הערען וועגען די קלאוקמאכער אין טאראנטא.

אין די „אידישע וועלט“, א טעגליכע אידישע צייטונג פון פילאדעלפיא, איז ניט לאנג צוריק ערשינען א טשיקאגוער „בריף אין רעדאקציע“, וואס האט צוגעצווינגען אונזער אויפמערקזאמקייט. עס האנדעלט זיך אין בריעף וועגען דעם וויסטמאכער סטרייק אין פילאדעלפיא, און עס איז גאנץ כאראקטעריסטיש, ווי דער שרייבער פון יענעם בריעף פארנעמט זיך צו סעטלען דעם סטרייק, דורך מאכען אן אפיעל צו די „אידישע הערצער“ פון די פילאדעלפיער וויסט מאנופעקטשורער.

דער שרייבער פון בריעף מיינט, אז ס'איז ניט שיין, עס זאל פארקומען „א קאמף פון אידען מיט אידען און אפשר אויך פון גערעכטע מיט גערעכטע“. ער דיינקט, אז ביידע צדדים זיינען „אפשר גערעכט“.. אבער שלאגען זיך דארף מען ניט, איבערהויפט נאך איצטער, ווען עס קומען אן די אידישע ימים טובים. דאס הייסט, ווי פאסט עס, פאר אידישע קינדער זיך ארומצושלאגען אין אזא צייט? ער וויל — זאגט ער — עס זאל זיין „שלום על ישראל“...

אבער אפריער לעזט דעם בריוועל:

„... אין שטאדט געהט אן א געפעהרליכער קאמף צווישען די וויסט מאנופעקטשורערס און די וויסט מייקערס. עס איז א קאמף פון אידען מיט אידען, און אפשר אויך פון גערעכטע מיט גערעכטע. די מלחמה קאסט אפ ביידע צדדים פיעל געלד. איך גלויב, אז די געלט, וואס די באסעס באצאהלען צו די ספעשעל פאליס מיט די רעטעקטיווס, פאר באשיצען זיי פון די „אידישע גזלנים“, און די געלט, וואס די יוניאן צאהלט אויס יעדען טאג אין די קאורטס, פארוואס די מיידלאך שפאצירען אויפ'ן סיידוואק ניט ווי דער פאליסמאן גלייכט, אז די געלט וואלט געקאנט אוועקגעגעבען ווערען פאר בעסערע צוועקען. די טויזענדער דאלאר וואלטען פארלייכטערט די צרות פון די אוקראינער פליכטלינגע אדער געבען א שטיקעל ברויט די הונגעריגע אידען אין רוסלאנד.

„איך מיין דא ניט אימיצען צו זאגען מוסר, נאר ווייל איך בין אבסאלוט קלאר אין דער אנגעלעגענהייט פונ'ם סטרייק, דורך מיינע ביזנעס, קום איך אין באריהרונג מיט איינינע מאנופעקטשורערס, וועלכע האבען זיך אויסגעשפראכען, אז זייטיגע מענשען וואלטען זיך געדארפט אריינלייגען אין שלום. די גאנצע מלחמה ווערט אנגעפיהרט פון עטליכע באסעס, וועלכע זיינען פארפיהרט געווארען פונ'ם יצר הרע פון פאלשען נצחון. זאלען די באסעס געדענקען, אז עס קומען די ימים טובים, ווען זייערע טישען וועלען זיין געגרייט מיט כל טוב און פיעלע ארבייטער פאמיליעס וועלען ניט האבען וואס צו עסען, און דאס איז געגען יושר און אידישען רחמנות.

„יעדענפאלס זיינען די באסעס און די ארבייטער פונ'ם זעלבען קרייז מענשען. דער רוב פון די ארבייטער מיידלאך זיינען אנשטענדיגע בעל־בית'ישע קינדער, און דער רוב פון די באסעס זיינען רעליגיעזע אידען, וועלכע באזוכען די שוהל און רעספעקטירען דעם רב אדער דעם ראביי, איינע פון זיי וועלען געווים פאלגען דעם רבי לעווינטהאל און איינינע, וואס איך וויים, באזוכען די בני ישורן שוהל און זיינען נעניינט צו רבי ניומאן און נאך רבנים.

„אט צו די פארשטעהער פון פילאדעלפיער אידענטום, מיט מיין גרעסטען רעספעקט פאר זיי, אפעליר איך אינ'ם נאמען פון יושר, אינ'ם נאמען פון דעם אידישען כבוד, זייט זיך משתדל אין דער גרויסער מצוה פון הבאת שלום און טרייעט צוזאמענצוברייגען די „קעמפענדע צדדים ושלום על ישראל“.

נייטהען טשארני,
419 מארקעט סט., פילאדעלפיא.

ווי איהר זעהט, דערצעהלט דער שרייבער פון דעם בריוועל, אז איינינע מאנופעקטשורערס האבען זיך אויסגעשפראכען פאר איהם, דאס „די גאנצע מלחמה“ קעגען דער וויסטמאכער יוניאן אין פילאדעלפיא „ווערט אנגעפיהרט פון עטליכע באסעס, וועלכע זיינען פארפיהרט פונ'ם „יצר הרע פון פאלשען נצחון“, און גאנץ נאאיוו ווענדעט ער זיך צו די רבנים, זיי זאלען זיך אריינמישען און עס זאל ווערען „שלום על ישראל“. ער וועט אבער הארפען ווארטען א היבשע ווײַלע ביז די רבנים וועלען האבען מוט גענוג צו רופען צו פאראנטווארטליכקייט די צויר־שעטע, אידישע מאנופעקטשורערס, וועלכע ווילען דוקא האלטען אין שקלאפעריי די אידישע ארבייטער. די רבנים קוקען דאס רוב נאר פאר זיך, און זיי ווייסען, ווי צו כאפען א שווייג... זיי ווייסען, אז עס איז פאר זיי געזינטער ניט צו זאגען מוסר די מאנופעקטשורער, דערפאר וואס זיי זיינען עקספלואטאטארס, דערפאר, וואס זיי ווילען דוקא זיין שקלאפען־טרייבער. די פארצייטיגע אידישע נביאים האבען דאס יע געטאן; זיי האבען יע מוסר געזאגט די אלע בלוטזויגער און שקלאפען־טרייבער, וואס דאס אידישע פאלק האט דעמאלט געהאט. אבער ווי קומען די היינטיגע רבנים צו די אמאליגע נביאים?

עס איז געוויס אמת וואס דער שרייבער פון בריף זאגט, אז „דער רוב פון די מאנופעקטשורערס זיינען רעליגיעזע אידען וואס געהען אין שול.“ אבער דיזע מאנופעקטשורער ווייסען גאנץ גוט, דאס זייער פארמעגען מאכען זיי ניט אין שול, — זיי ווייסען, אז דאס מאכען זיי אין שאפ, פון דעם שווייס און בלוט פון „זייערע“ ארבייטער. און זיי ווייסען אויך, אז ווען זיי גיבען אין שול א נדבה, פרעגט מען זיי ניט, אויף וועלכען אופן זיי האבען „געמאכט“ זייער פארמעגען. זיי קאנען דעריבער, אין שאפ זיין די גרעסטע בלוטזויגער און אין שול זיין רעליגיעזע אידען, „פיינע מענשען“, צו וועלכע די כלי קודש שמייכלען זיך נאך אונטער...

די ארבייטער ווייסען שוין דאס פון לאנג און דעריבער טאקע, זיינען זיי ארגאניזירט אין יוניאנס. זיי האבען שוין אויסגעפונען לאנג צוריק, אז זיי קאנען זיך ניט פארלאזען אויף דעם וואס די באסעס זיינען רעליגיעז, אדער אויף דעם וואס די רבנים וועלען זיך אריינמישען און זאגען מוסר. דעריבער טאקע שטעהען זיי אויפ'ן שטאנדפונקט פון קלאסען קאמף און נאר דורך אט דעם קאמף קאנען זיי צווינגען די באסעס, ניט צו זיין אזעלכע גרויסע בלוטזויגער ווי זיי וואלטען עס זעהער געוואלט זיין, כאטש זיי זיינען רעליגיעזע אידען און געהען אין שול. און די פראקטיק האט געוויזען, דאס די טרייד־יוניאנס האבען דערבראכט צו דעם, דאס די באסעס זאלען מוזען זיך מעהר צוהערען צום גאט פון איינינקייט פון די ארבייטער מאסען, ווי צו זייערע אינערליכע רעליגיעזע געפיהלען, אויב אפילו זיי האבען אזעלכע.

עס איז זיכער, אז דער שרייבער פון דעם בריוועל האט געוויס געמיינט גוט. אבער?...

* * *

וואס האט פאסירט מיט די קלאוקמאכער פון טאראנטא?

אויף דער פראגע איז ניט גרינג צו ענטפערען. עפעס איז דארט אזוינס געשען וואס איז שווער צו באגרייפען.

שטעלט אייך פאר: אין אלע שטעט פון אמעריקא און קענעדע, וואו עס זיינען דא שעפער אין וועלכע מען מאכט ווייבערשע בגדים, זיינען די קלאוקמאכער ארגאניזירט, און בעסער ארגאניזירט ווי די ארבייטער אין אנדערע פאכען.

אנדערש אבער איז עס מיט די קלאוקמאכער אין טאראנטא, קענעדע. ביי זיי דארט הערשט איצט א דעמאראליזאציע און אין פילע קרייזען רופט עס ארויס פארוואונדערונג, ווארום עס איז אזוי.

אדרבה, לייענט ווי אזוי עס שילדערט אט די לאגע ברודער אמדור, דער דזשענעראל ארגאנייזער פון אונזער אינטערנעשאנאל אין טאראנטא. אין א „קאנטרי־עדישאן פון „פארווערטס“ האבען מיר געפונען זיינס אן ארטיקעל וואס לעזט זיך ווי פאלגט:

קענט איר זיך פארשטעלען א וועלט וואו איין מענש זאל ניט האבען קיין ברעקעל צוטרויען צום צווייטען? קענט איר זיך פארשטעלען אן ארדנונג וואו איין מענש זאל ניט קאנען זיך צוזאמענריידען מיט דעם צווייטען? מעג דאס אפילו זיין א קאפיטאליסטישע ארדנונג, מעג דאס זאגאר זיין אין דער יעצטיגער וועלט פון כאפ־לאפ און כאאס, דאך איז פאראנען א געוויסער גראד גלויבען צווישען מענשען. מאנכע געטרויען איינער דעם צווייטען מער — מאנכע ווייניגער. דאס זעלבע קען אויך געזאגט ווערען אין באצוג וועגען פארשטיין און קאנען צוזאמענריידען זיך איינער מיט דעם צווייטען. ווייל נאך אלעמען, ווי שלעכט די יעצטיגע ארדנונג זאל ניט זיין, אבער קיין דור הפלגה זעהען מיר ניט. מענשען, וועלכע האבען געמיינשאפטליכעס צווישען זיך — זעהען מיר, אז זיי ריידען זיך צוזאמען און באשטימען ווי אנצוגיין אום צו פארהיטען זייערע אינטערעסען. די גאנצע קאפיטאליסטישע ארדנונג איז געבוים און שטיצט זיך נאר אויף דעם וואס אירע פירער די געלד־זעק ריידען זיך צוזאמען און פארשטייען זיך אויסגעצייכענט גוט און אזוי ארום באשטימען זיי ווי אפצוהיטען זייערע אינטערעסען. עס איז איין אלגעמיינער כלל, אז ווען מענשען זאלען ניט האבען קיין צוטרויען איינער צום צווייטען, ווען איין מענש זאל זיך ניט קאנען צוזאמענריידען מיט דעם צווייטען, וואלט די וועלט קיין קיום ניט געהאט.

דער ארבייטער־קלאס, געפינענדיג זיך אין טאג־טעגליכען קאנפליקט מיט דער עקזיסטירענדער ארדנונג בכלל און מיט די ארבייטס־געבער אלס געגנערישער קלאס בפרט איז גאר קיין צווייפעל ניט, אז די בעסטע וואפע וועלכער דער ארבייטער באזיצט אום צו קאנען באקעמפען זיינע געגנער, איז נאר די וואפע פון צוזאמענריידען זיך פון איין ארבייטער מיט דעם צווייטען, זיך אויסגלייכען און פארשטיין, אז ביידענס אינטערעסען זיינען איינס און דאס זעלבע, און פאלגליך קומען צום שלוס, דאס נעמענדיג אין אנבאטראכט דאס געמיינשאפטליכע, וועלכעס מיר ארבייטער באזיצען אלס א באזונדער קלאס, מוזען מיר אויך זעהן צו שאפען א געוויסע מאס גלויבען און צוטרויען אויף ארבייטער ווי אויף פריינד און ניט ווי אויף שונאים.

אט די אויבען דערמאנטע צוויי פונדאמענטאלע געזעצע זיינען אימער געווען און זיינען אויך יעצט דער סאמע יסוד אויף וועלכען די ארבייטער פון איבעראל שטיצען זיך, און מיט וועלכען זיי פארטיידיגען זיך געגען די ארבייטס־געבער פון דער גאנצער וועלט. דאס איז אייגענטליך דער אלף־בית פון טרייד יוניאניזם.

ליידער אבער מוז געזאגט ווערען אז דא אין טאראנטא צווישען די קלאוקמאכער און צווישען א גאנץ היבשער צאל פון זיי, זיינען אט די הויפט־עלעמענטארע געזעצע פון ארבייטער איינינקייט פארווארפען געווארען און אוועקגעשטעלט געווארען אן א זייט. א מערקווירדיגער פאקט איז דאס אין קיין אנדער שטאט און אין קיין זאנדער פאך האב איך ניט באגעגענט אזוי ווייניג צוטרוי פון איין ארבייטער צום צווייטען ווי איך זעה דאס דא אין טאראנטא. אין יעדער אנדערער שטאט אין די פארשידענע פאכען געפינט מען אימער א געוויסע צאל אדער א געוויסע גרופע מענשען, וועלכע האבען צוטרויען איינער צום צווייטען, וועלכע קאנען זיך צוזאמענריידען. מעגען זיי זיך רופען עקזעקוטיוו קאמיטע אדער דזשאינט באורד, אדער עס מאכט ניט אויס ווי דער נאמען זאל ניט זיין, אבער זיי זיינען פאראנען. דאס זיינען די מענשען, וועלכע קירעווען אימער דעם רודער פון זייער ארגאניזאציאן, קוקען אלע מיט דעם זעלבען בליק און ציהען אין איין דירעקשאן.

אזא זאך עקזיסטירט ניט דא אין טאראנטא צווישען די קלאוקמאכער. יעדער איינער איז א וועלטעלע פאר זיך. יעדער איינער איז א גרופע פאר זיך אליין. אויב ניט גרופירט מיט קיין אנדערע מענשען, האט ער גרופירט און אויסגעפלאנעוועט פאר זיך אליין א גרופע פון פלענער, וועלכע זיינען איינגעארטיג אין זייער אינהאלט, און מיט דיזען סטאק פלענער און גאונ'ישע איינפעלע, לאזט זיך דער קלאוקמאכער ארויס איבער דעם קאפיטאליסטישען מארק און דענקט אז ער גייט אפנארען דעם קאפיטאליסטישען פויער... און פלענער האט ער גראדע זעהר פיל, ווייל די פארגאנגענע עטליכע יאהר, דאס

(שלום אויף זייט 16)

ניט היינט געדאכט!

(אן עראינערונג)

פון מ. צינקין.

דאס וואס איך וועל אייך דא דערצעהלען האט זיך געטראפען אין די גוטע אלטע צייטען, דאן ווען יעדער בעל מלאכה איז געווען א פרייער מענש, האט ניט באדארפט באלאנגען צו א יוניאן און אויספאלגען יוניאן רולס און דערצו נאך צאהלען דיוס מיט אסעסמענטס; אין די צייטען ווען מען האט אייך ניט געשלעפט צו די גריוועגס באארד, אפילו ווען איהר האט געארבייט אווערטיים א גאנצע נאכט.

אט אין יענע גליקליכע צייטען האט איהר געקאנט ארויסגעהן אלע טאג אויף א נייעם פלאץ און ניט באדארפט נאכלויפען נאך א ווארקינג קארד. דאס האט פאסירט אין די צייטען פון פוט פאוער, פון עסען דינער ביים פעדלער, פון חנפ'ענען זיך צום פארמאן, פון האבען א שאו, פון אריינקומען 6 אוהר אין דער פריה און פון האלטען א פאר באטעלס מעדיצין אין משין דראוער.

איך האב דאן געארבייט אין א סוועט שאפ אויף איסט בראדוויי, אויף אן אייגענע מאשין מיט א פעטענט סטענד. עס איז געווען א מאנטאג אין דער פריה אין א קאלטער טאג אין דעצעמבער. עס איז געווען א סלעק וואס האט זיך ניט געהאט וואס צו שעמען קעגען היינטיגע סלעקס. איך בין געקומען אין שאפ שפעט, אריינקומענדיג האב איך געטראפען דעם גאנצען סעט. ווער עס האט זיך געווארעמט ביים אויוועו, ווער עס האט געלעזען א צייטונג, און איינינע האבען גערעדט פאליטיק. איך בין צוגעגאנגען צו דער גרופע וואס האט געשמועסט. ריידענדיג האבען זיך איינינע באקלאגט אויף דעם לאנגען סלעק און וואס דער באס האלט אין איין ארונטערנעמען פון די פרייזען אויף די פאר שטיקלאך ארבייט וואס איז שוין יא דא. איך האב זיי אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם פאקט, אז עס איז דא, ביי די גוים, אזא זאך ווי א יוניאן און עס וואלט ניט געווען קיין שלעכטע זאך אויך פאר די אידען. אין יענע צייטען האט שוין שלעזינגער אנגעפאנגען צו באמבארדירען די קלאוקמאכער דורכ'ן „פארווערטס“ און צו רופען זיי אין דער יוניאן. איך האב גראדע געהאט ביי זיך א „פארווערטס“ מיט אן ארטיקעל פון שלעזינגער'ן, איך האב זיי געגעבען לעזען אבער ווי ווייט איך קען זיך ערינערען, האבען זיך די לייטע אויסגעלאכט פון דעם און האבען מיך גערופען אנארכיסט, וואס האט געמיינט דאס זעלבע וואס היינט מיינט באלשעוויק.

אין א ווײַלע ארום האט דער קאטער אריינגעטראגען עטליכע שטיקלאך מלאכה. די פארליידי, וועלכע איז געווען דעם באס א שוועסטער, האט מיך צוגערופען און דערלאנגט א דופליקייט. די איבעריגע מלאכה האט זי געלאזט ליגען אויפ'ן טיש, ווייל עס איז געווען אנגעשריבען סטאק, און זי האט אהן דעם באס; איהר ברודער, ניט געוואלט ארויסגעבען דאס צו די אפערייטארס. איך בין אוועק צו מיין מאשין און האב זיך פארנומען מיט מיין ארבייט.

אין א ווײַלע שפעטער איז אנגעקומען דער באס, א געלער איד, פון דער היים א באנק קוועטשער און אין אמעריקא א נשמה ארויסקוועטשער. א איד וואס האט אלעמען גערופען דו, און וואס אנשטאט א הארץ איז ביי איהם געווען גראניט. א איד, וואס האט זיך יעדען טאג מיט אימיצען געמוזט קריגען און ניט איינמאל פלעגט זאגאר קומען צו קלעפ. גאנץ אפט פלעגען די פינישערס און בייסטערס וויינען, נאכדעם ווי ער האט זיי באליידיגט און אנגערופען מיט די ערגסטע נעמען. זאגאר זיין אייגענע שוועסטער, אויף וועמען דער גאנצער שאפ האט זיך געהאלטען, פלעגט ער באליידיגען און ברענגען צו טרערען.

די ארבייטער, זעהענדיג אז דער באס איז שוין דא, און דיינקענדיג אז יעצט וועט די פארליידי אויסטיילען די ארבייט, האבען זיך אוועקגעשטעלט נעבען איהר טייבעל ווארטען אויף דעם גליקליכען מאמענט.

דער באס איז דערוויל ארויסגעקומען פון אפיס, און דערזעהענדיג די אפערייטארס ארום זיין שוועסטער'ס טיש, איז ער צוגעגאנגען צו זיי מיט א כעס און האט מיט גיפט געגעבען א געשריי: הינט וואס איהר זייט! געהט צו אייערע מאשינען! און האט זיך געווארפען צו זיי מיט די פויסטען.

צווישען די ארבייטער האבען זיך געפונען טאטעס פון ערוואקסענע זיהן און טעכטער, און אויך יונגע, קרעפטיגע יונגעלייט, אבער דער גייסט איז געווען א דערשלאגענער, א געזונקענער, און מיט אראפגעלאזטע קעפ, און איינינע זאגאר מיט טרערען אין די אויגען, האבען זיי שטיל, ניט ענטפערענדיג קיין ווארט זיך אומגעקערט צו די מאשינען.

וואס הערט זיך ביי די ריינקאוט מאכער יוניאן, לאקאל 20

פון סעם פרידמאן

ביי אונזער לעצטען דזשענעראל מעמבער מיטינג אין מאנהעטען לייסעאום איז פארגעבראכט געווארען די פראגע וועגען דער גרויסער ארבייטסלאזיגקייט פון די סעמענטערס אין אונזער טרייד. מיט א שטיקעל צייט צוריק איז די זעלבע פראגע פארהאנדעלט געווארען ביי דער עקזעקוטיוו קאמיטע. די אורזאכע ווארום דיזע פראגע איז ארויפגעשוואומען אויפ'ן טאגעס ארדנונג פון אונזערע מיטינגען איז דאס, וואס צוליב דעם איבערבייט אין דער ארבייט פון דעם ריינקאוט גארמענט אויף דעם זאגענאנטען גאז־מאסק־קאוט „לעדער הער" און „גאבארדין" קאוטס זיינען די סעמענטערס געבליבען אהן ארבייט, ווייל דיזע גארמענטס ווערען כמעט געמאכט אויסשליסליך ביים אפערייטאר אין די אנדערע ברענטשעס פון טרייד, און דער איינציגער ברענטש וואס ליידעט אם מעהרסטען פון דיזען איבערבייט איז דער סעמענטינג ברענטש.

דער אפיס האט ביז יעצט געטרייעט מיט אלע מעגליכקייטען און ביי יעדער געלעגענהייט אוועקצושטעלען צו דער ארבייט אזוי פיל סעמענטערס ווי מעגליך, אויך האט דער אפיס פיל געטרייעט — לויט א באשלוס פון דער עקזעקוטיוו באארד — אין דער ריכטונג פון אויסלערנען סעמענטערס פאר אפערייטארס, פינישערס, פרעסערס, א. ז. וו. אין פילע פעלע איז עס דעם אפיס געלונגען „אריינצושמוגלען" דעם סעמענטער פאר אן אפערייטאר, פינישער, פרעסער, א. ז. וו. און די יעניגע „גליקליכע" וואס האבען געמאכט פארשריט מאכען יעצט א שטיקעל לעבען ביי די אנדערע ברענטשעס פון טרייד. אבער אלעס וואס איז ביז יעצט געטאן געווארען איז צו ווייניג אום די לאגע פון דעם סעמענטער צו ענדערען אזוי אז עס זאל זיך אנזעהען אין אלגעמיין אין טרייד. אום די לאגע ראדיקאל צו פארלייכטערען דארף עס זיין די פליכט און די אויפגאבע פון דעם אפערייטארס, איבערהויפט פון יעדען ארבייטער אין שאפ צו זעהן אז אין זייער שאפ זאלען זיך אייניגע סעמענטערס אויסלערנען פאר אפערייטארס אדער אנדערע ברענטשעס אין טרייד.

געוויס איז אזא סארט ארבייט פארבונדען מיט פילע שוועריגקייטען. דערפאר אבער איז די ארבייט א וויכטיגע פאר'ן טרייד, און עס איז די אויפגאבע פון יעדען שאפ טשערמאן און יעדען מעמבער אין שאפ צו זעהן עטוואס טאן אין דיזער ריכטונג. די יוניאן קאן ניט מאכען מעהר ארבייט פאר'ן סעמענטער וויפיל דער טרייד האט יעצט, און די יוניאן איז אויך ניט אימשטאנד צו זאגען א דעה אין דער אינדוסטריע אז דער גארמענט זאל געמאכט ווערען פול־סעמענטער אנשטאט אפערייטעד. וואלט דאס אפהענגיג געוועזען אן אונז, וואלטען מיר זיכער רעקאמענדירט פול־סעמענטעטע גארמענטס, וועלכע זיינען אי גוט אי וואטער־פרוף, אנשטאט געסטיטשטע. אבער אזוי ווי די לאגע איז יעצט איז דא איין אויסוועג צו פארלייכטערען דעם סעמענטער און דאס איז, אז ער זאל ווערען אן אפערייטאר, אדער זיך נוציליך מאכען אין אירגענד וועלכען אנדערען ברענטש פון טרייד. אום דאס דורכצופיהרען דארפען אלע ארבייטער אין טרייד העלפען אין דעם, ווייל אויף יעדען מעמבער פון דער יוניאן ליגט א מאראלישע און ברידערליכע פליכט צו העלפען די סעמענטערס אין דיזער ריכטונג.

* * *

וואס אונזערע מעמבערס טוען פאר די הונגער־ליידענדע אין סאוו.־רוסלאנד

אזוי שנעל ווי דער באשלוס פון דעם גרויסען קאנפערענץ איינבארופען פון דער אינטערנעשאנאל אין דער רענד סקול, ביי וועלכען אלע עקזעקוטיוו באארדס האבען איינשטימיג באשלאסען צו געבען א האלבען טאג ארבייט פאר די הונגער־ליידענדע אין סאוועט רוסלאנד, איז באקאנט געווארען, האבען מיר גלייך גערופען א מיטינג פון אלע שאפ־טשערלייטע פון אונזער טרייד אין דעם אפיס פון דער יוניאן. דער מיטינג איז אדרעסירט געווארען פון ברודער וועקסלער, דער מענעדזשער פון דער יוניאן, און דעם שרייבער פון דיזע צייל‌ען. דער מיטינג האט איינשטימיג אינדארסירט דעם באשלוס פון דעם גרויסען קאנפערענץ פון אונזער אינטערנעשאנאל צו געבען א האלבען טאג ארבייט פאר די הונגער ליידענדע אין סאוועט־רוסלאנד.

זאל אויף די קאלומס פון דער „גערעכטיגקייט" געגעבען ווערען קרעדיט צו די שעפער און שאפ־טשערלייטע וואס האבען צום ערשטען געבראכט דעם האלבען טאג ארבייט פאר די הונגעריגע פון סאוועט רוסלאנד אין דעם אפיס פון דער יוניאן. די איבעריגע וועלען פארעפענטליכט ווערען שפעטער.

דער שאפ טשערמאן היימאן גאלדשטיין פון די נעפטשון ריינקאוט קאמפ., 23 א. בראדוויי, האט געבראכט פון זיין שאפ 128.60 ד. שאפ טשערמאן דזשאו קעסלער פון ראזען און מאגולעווסקי'ס שאפ, 291 עסעקס סטריט, ברוקלין, האט געבראכט פון זיין שאפ 114 ד. שאפ טשערמאן דזשעק וויין פון די ענגליש קענטוועט ריינקאוט קאמפ., 2 א. בראדוויי, האט געבראכט 79.38 ד. שאפ טשערמאן ס. ראבינאוויטש פון די רעלייעבעל ריינקאוט קאמפ., פון יוניאן היל, נ. דזש., האט געבראכט פון זיין שאפ 105 ד. שאפ טשערמאן היימאן גארדאן פון שאטט בראדערס, 44 א. בראדוויי., האט געבראכט פון זיין שאפ 99.66 ד. שאפ טשערמאן אייזיק וויסמאן פון די רעלייעבעל ריינקאוט קאמפ., 38 סטאקטאן, ברולין, האט געבראכט פון זיין שאפ 125 ד. שאפ טשערמאן טשארלס שאר פון ד. און ר., 9 א. בראדוויי, האט געבראכט פון זיין שאפ 27 ד. שאפ טשערמאן פיטער גואגליאנא פון שאקאוו ריינקאוט קאמפ., 10 וועסט 13טע סטריט, האט געבראכט 42.60 ד. שאפ טשערמאן מאקס ליוויי פון מאקס קופער'ס שאפ, 36 איסט 12טע סטריט, האט געבראכט 95 ד. שאפ טשערמאן רובין טראפקין פון די פיוריטאן ריינקאוט קאמפ., 130 וועסט 17טע סט., האט געבראכט פון זיין שאפ 40 ד. אין דיזען שאפ ארבייטען די סעמענטערס זעהר ווייניג, כמעט ווי גארנישט, און דאך האט יעדער פון זיי עטוואס ביי געשטייערט לויט די אומשטענדען האבען זיי ערלויבט. שאפ טשערמאן מאקס גורני פון קופער און קארשעס שאפ, 196 סינעל סטריט, האט געבראכט אין אפיס 92.99 ד. שאפ טשערמאן מאריס טעפליצקי פון אמעריקאן ריינק. קאמפ., 30 וועסט 15טע סטריט, האט געבראכט פון זיין שאפ 18 ד. שאפ טשערמאן טשארלס בראן פון די פעניקס ריינקאוט קאמפ., 38 איסט 32טע סט., האט געבראכט פון זיין שאפ 115 ד. שאפ טשערמאן קויפמאן פון דזש. בערמאן, 327 בלייק עוו., בראנזוויל, האט געבראכט פון זיין שאפ 48 ד. שאפ טשערמאן הערי ספיט פון עדוואורד קריגנער און קאמפ., 127 וועסט 27טע סט., האט געבראכט פון זיין שאפ 42.50 ד. שאפ טשערמאן טשארלס ערענמאן פון די לייאן ריינק. קאמפ., 151 ספרינג סט., האט געבראכט אין דער יוניאן פון זיין שאפ 50 ד. שאפ טשערמאן מאקס סימבערג פון העללער מ'פרג קא., 70 מארעל סט., האט געבראכט פון זיין שאפ 98.92 ד. שאפ טשערמאן מאריס זאנער פון ראטשטיינ'ס שאפ, 100 איסט בראדוויי, האט געבראכט פון זיין שאפ 45.80 ד. שאפ טשערמאן דזש. פערקעל פון די עקסקלוזיוו ריינק. קאמפ., 34 ווייטה סט., 14 ד. שאפ טשערמאן דזשעק העריס פון ווילקס בראדערס שאפ, 47 וואטקינ'ס סט., ברוקלין, האט געבראכט פון דעם שאפ 65.21. שאפ טשערמאן דייוו קארל פון אייבראם און טערקעלטויב, 315 קריסטאפער עוו., ברוקלין, האט געבראכט פון זיין שאפ 80 ד. שאפ טשערמאן בארני ניסענעוויטש פון די קוואליטי ריינקאוט קאמפ., 58 איסט 8טע סט., האט געבראכט א ז דער יוניאן פון זיין שאפ די סומע פון 36.72 ד.

אין דער צייט ווען מיר קאנען ריידען מיט שטאלץ פון די שעפער וועלכע זיינען געוועזען פון די ערשטע בייצושטייערן זייער טייל פאר יענע אונגליקליכע מענער, פרויען און פיצלאך קינדער, וועלכע ראנגלען זיך מיט'ן גרויזאמען הונגער־טויט אין די הונגער גובערניעס און אין דעם וואלגא־געגענד פון סאוועט־רוסלאנד, מוזען מיר אבער גאנץ אפען ערקלעהרען די טרויעריגע שטעלונג פון איין שאפ אין אונזער טרייד, וועלכע האט זיך אבסאלוט אנטזאגט צו ארבייטען א האלבען טאג פאר די הונגער־ליידענדע אין רוסלאנד און דאס איז דער שאפ פון יו עס ריינקאוט קאמפ., פון 20 וועסט 22טע סט.

עס איז פאראן א שפריכווארט אז „דער זאטער גלויבט נים דעם הונגעריגען". דיזער שפרוך־ווארט קאן אהן איבערטרייבונג אנגעווענדעט ווערען אין באצוג די אפערייטארס פון דעם איבערגעמאנטען שאפ. אויף די סעמענטערס קאנען מיר נים האבען קיין פאראיבעל, זיי ארבייטען זעהר ווייניג אדער כמעט גארנישט. אבער די אפערייטארס, פינישערס, און פרעסערס פון דיזען שאפ ארבייטען כסדר פאר די לעצטע 9 מאנאטען און מאכען א גאנץ פיינעם לעבען, נים צו פארזינדיגען, הלואי אויף די סעמענטערס געזאגט געווארען, און מיינט איהר אז די ווידזשעס זיינען דארטען וואס מען רופט סטארווייש — ווידזשעס, חלילה; זיי לויפען אין דעם שאפ אין די 80־ער אין א א גאנץ גרויסע צאהל, און דאך אזא שטעלונג. אמת די ארבייטער ארבייטען פאר דער גאנצער צייט נים מעהר ווי פערציג שטונדען א וואך. האבען חברה געזאגט אז אויב דער מענעדזשער בר. וועקסלער וואלט געקאנט פועל'ן ביי דער פירמע זיי צו געבען עקסטרא 4 שטונדען וועט דער שאפ ארבייטען און די 4 שטונדען ארבייט געבען פאר די הונגעריגע אין סאוועט־רוסלאנד. איז דאכט זיך גוט, הא ? איז נאכדעם ווי ברודער וועקסלער האט גע'פועל'ט ביי דער פירמע צו געבען די עקסטרא 4 שטונדען ארבייט אום זיי זאלען האבען די געלעגענהייט צו ארבייטען פאר רוסלאנד, איז אזוי שנעל ווי דער מענעדזשער איז אריין אין שאפ און ערקלעהרט אז ער האט גע'פועל'ט ביי דער פירמע זיי צו געבען עקסטרא 4 שטונדען ארבייט, האבען זיך די ארבייטער ענטזאגט צו וועלען ארבייטען די 4 שטונדען. עס איז זיך לייכט פארצושטעלען אין וואס פאר א פארלעגענהייט אונזער מענעדזשער בר. וועקסלער האט זיך געפינען. און דער ערשטער ארויסצוטרעטען נעגען דעם באשלוס פון דער גאנצער אינטערנעשאנאל יוניאן איז געוועזען דער געוועזענער שאפ טשערמאן אלעקס קריגסמאן.

עס איז איבעריג צו פארנעהמען פלאץ אין דער „גערעכטיגקייט" וועגען דער שפראך און די ארגומענטען וואס ער האט דערביי באנוצט. עס איז אבער יא אינטערעסאנט צו וויסען אז דיזער קריגסמאן האט אלטע חשבונות מיט דער יוניאן און ער זוכט דאס כסדר זיך אפצורעכענען מיט דער יוניאן ביי יעדער געלעגענהייט. איהם געלינגט אימער צו קריגען אויף זיין זייט דעם אומוויסענדען און קאנסערוואטיווען עלעמענט פון דיזען שאפ. עס איז שוין נים דאס ערשטע מאל ווי דיזער „ברודער" צוזאמען מיט'ן שאפ קומען צו די מעמבער מיטינגען אלס ארגאניזירטע קערפערשאפט ארויסצוטרעטען נעגען יעדער נייע רעפארמע און וויכטיגע איינפיהרונג אין דער ארגאניזאציאן. ביי דער עקזעק. באארד איז שוין אייניגע מאל פארגעבראכט געווארען די שענדליכע האנדלונגען פון דיזען שאפ. אבער די לעצטע האנדלונג זייטענס דעם געוועזענעם שאפ טשערמאן מיט דער מיטהילפע פון אייניגע אנדערע ארבייטען אין זעלבען שאפ, איבערציינגען אם בעסטען וואס פאר א שעדליכער עלעמענט עס האט זיך צוזאמענגעקליבען אין דיזען שאפ און עס וועט דארפען זיין די אויפגאבע פון דער עקזעקוטיוו באארד איינמאל פאר אלעמאל צו נעמען אן ענטשלאסענע שטעלונג צו א געוויסען עלעמענט אין דיזען שאפ. און אויב אפילו עס וועט זיין נויטיג צו רעארגאניזירען דעם שאפ וועט מוזען די אפעראציאן געמאכט ווערען און וואס שנעלער אלץ בעסער.

קוויטירונגען פון די קלאוק שעפער פאר דעם האלבען טאג ארבייט פאר סאוועט־רוסלאנד

(ווייטערע קוויטירונגען).

סאלאמאן בלום און קא., 500 7טע עוועניו, באלאנס	5.27
א. נעווין, לאקאל 1, לעדזשער 1825	5.50
טשאס. ווערסבא, 115 וו. 31טע סט. דורך א. גרין, טשערמאן	85.65
פרעיסטאט און קאסימער, 120 וו. 20טע סטריט, דורך א. קאהען, טשערמאן	50.00
אפעל און ראזענטאל, 9 וו. 20טע סטריט, דורך טאנענבאום, טשערמאן	33.00
וויענער טעמפקין און וויענער, 3 א. 10טע סטריט, דורך סלוצקי, טשערמאן	57.79
ריאלטא קלאוק און סוט קא., 12 וו. 26טע סטריט, דורך סעם שינסקי, טשערמאן	64.37
לעיטמאן און מילער, 145 וו. 28טע סטריט, דורך גאלדשטיין, טשערמאן	100.31
ד. בלומבערג, 38 א. 30טע סט. דורך דזש. טולעפין, טשערמאן	115.88
שווארץ און קא., 148 וו. 24טע סט., דורך סעם שניידער, טשערמאן	100.44
ת. גורשטיין, 132 וו. 22טע סטריט, דורך מ. קרעיטצער, טשערמאן	50.00
ב. גינזבערג, 9 וו. 29טע סט., דורך פרעמעד, טשערמאן	52.00
מאק סראזען, אינדיווידואל	4.52
ווערנאף דרעס קא., 8 וו. 30טע סט., דורך ב. לובאף, טשערמאן	42.00
וו. פיליפס, 145 וו. 28טע סט., דורך דזש. סאול, טשערמאן	100.38
אלפערט, 137 וו. 25טע סטריט, דורך שווארץ, טשערמאן	41.00
שאפירא און דייוויס, 111 וו. 26טע סט., דורך א. ראזענבלום, טשערמאן	186.50
פ. קאהען, 305 7טע עוועניו, דורך וויערנער, טשערמאן	102.00
פאוסט און פירסטענבערג, 37 וו. 28טע סטריט, דורך מארקאף, טשערמאן	38.00
צוקערמאן און האפמאן, 154 וו. 34טע סטריט, דורך י. גרינבערג, טשערמאן	169.00
ת. הארן, אינדיווידואל	3.50
קליינמאן און פלטענבערג, 25 א. 10טע סטריט, דורך ת. סמאלין, טשערמאן (ארבייטער 44.94 ד., פירמע 5.06 דאל.)	50.00
לעיבאוויץ און פינק, 21 וו. 17טע סטריט, דורך דזש. געלפאנד, טשערמאן :	
דזשאו פאריז	5.45
קראמער	5.90
דזשעק געלפאנד	5.90
קאפעלאוויטש	5.54
גאלדשטיין	6.90
בארקין	5.00
דזשאו געלפאנד	5.54
דזשאו קומשערא	5.45
דראזניק	4.54
דע פיליפא	6.18
דזשאו ראבינסקי	6.85
הארי גלאזיער	4.72
וויים	4.40
ראוז	3.54
מערי	4.18
שקלאר	2.90
בערטילינא	3.09
העלען ברעסלער	2.90
אדאם	4.09
ראקא	4.00
ראפאפארט	5.90
קאמעל	5.45
	115.40
פון די ארבייטער פון סינגער בראס., 498—7טע עוועניו :	
איזי סאטלער, פארמאן	5.00
מ. טאים, אססט. פארמאן	3.00
ב. ראזענפעלד, העד פרעסער	4.50
דארא איין	3.00
י. קלעבאנאוו	5.00
דזשאו מאלטעס	4.00
ד. דעבאנע	3.25
אמוליכע	3.10
פאמיפעטא	3.10
ס. קאהען	2.90
ל. קאטץ	2.90
מ. פאזנער	3.45
א. רינגעל	3.20
ס. בוש	4.55
ד. ליפשיץ	3.70
דזש. קאטילערי	4.50
פ. ראמאנא	4.40
מ. גאלדמאן	2.50
מ. פערלמוטער	3.80
מ. סקאבעלעוו	3.25
ל. זאילער	4.65
ב. קענסטענבערג	3.85
נ. קושמאן	3.20
ק. ליאיאגאנא	3.20
דזש. רינגעל	3.20
דזש. לאיאגאווא	3.95
מ. טאבמאן	4.55
ת. בלום	4.80
ת. לעדערמאן	5.35
ח' ענשין	3.70
ד. שקאלניק	4.15
מ. גאלדשטיין	4.50
דזש. דעסאלווא	4.40
ע. קאפלאן	3.70
א. גאלדבערג	5.10
א. ראזען	3.05
א. יעלין	3.95
ב. שמוליעוויץ	5.20
ב. רויטמאן	5.45
ת. זאגאריק	5.45
ל. קאהען	4.20
אנז מאטזא	4.55
נען מאטזא	4.05
ס. סעמועל	4.40
ב. הוירשקאוויץ	5.25
ת. לייטה	4.15
מ. גראציא	3.85
וו. בורזשיסקי	5.45
מ. גרינבערג	2.25
מ. שליפער	4.00
ת. שעדלאווסקי	5.45
ד. פאלעי	4.20
מ. כידעלמאן	5.00
א. טאראפסקי	4.00
ת. שטערענבליץ	$6.45
מ. בעזינסקי	6.25
מ. ווייס	6.90
ז. פערוטשי	6.90
ז. גאלדשטיין	6.90
ל. באמגארדען	6.45

(נאך קוויטירונגען אויף זייט 14.)

מיט דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטער־נײשאנאל אויף זיין פערטעל־יעהרליכען מיטינג אין פילאדעלפיע

פון ש. יאנאווסקי.

2.

עס וואלט פארנומען פיל מעהר פלאץ, וויפיל מיר קאנען אפגעבען, ווען מיר וואלטען זיך אפגעשטעלט אויף די פארשיידענע אינטערעסאנטע אייגצעלהייטען פון די פארשיידענע רעפארטען פון אונזערע וויים פרעזידענטס, ווי אויך אויף די דיסקוסיאנען, וואס זיי האבען ארויסגערופען. מיר מוזען דארום איבערגעבען בלויז אין קורצען די וויכטיגסטע פונקטען פון די פארשידענע רעפארטס, וועלכע וועלען געוויס אינטערעסירען אונזער גרויסע מעמבערשיפ.

מיר האבען שוין דערמאנט דעם טייל רעפארט פון וויים־פרעזידענט זיגמאן, ווען ער האט גערעדט פון דעם סטרייק אין פילאדעלפיע. אבער, איידער ער איז צוגעקומען צו דעם, האט ער מיטגעטיילט זיינע ערפארונגען, אלס ארגאנייזער אין משיך פאר די פארשיידענע טריידס אונזערע אין און אויסער ניו יארק, איבערהויפט אויסער ניו יארק.

און פון אלץ, וואס ער האט מיטגעטיילט, איז נים געווען מעגליך צו קומען צו אן אנדער שלוס, ווי דער, דאס די איצטיגע צייט איז העכסט אומגינסטיג פאר ארגאניזאציאנס ארבייט, און דאס עס איז פשוט ארויסגעווארפענע מיה און געלט אנצוגעהן אזוי מיט דער ארבייט, ווי ביז איצט. עס איז אוממעגליך צו ערווארטען אירגענד וועלכע רעזולטאטען אין דער איצטיגער צייט פון אלגעמיינער ארבייטסלאזיגקייט.

אין זיין רעפארט איז זיגמאן געגאנגען נאך ווייטער. נים נאר מיינט ער, איז די איצטיגע צייט נים גינסטיג פאר די ארגאניזאציאנס ארבייט אויסער ניו יארק, נאר שפעטער־צו, ווען די צייט וועט ווערען פיל בעסער, מוז א גאנץ אנדער מעטאדע פון ארגאניזאציאן און אגיטאציאן אנגענומען ווערען, אום מען זאל קאנען האפען אויף אן ערפאלג. ער איז פון דער מיינונג, אז די איינציגע פראפאגאנדע און ארגאניזאציאנס ארבייט, וואס קאן ברענגען רעזולטאטען, איז די ארבייט אין שאפ גופא, די אגיטאציע פון מויל צו מויל, פון פערזאן צו פערזאן. דער ארגאנייזער מוז געפינען א פעלד מעהר אדער ווייניגער שוין באארבייט פון פריהער דורך דער פערזענליכער אגיטאציע פון יוניאן ארבייטער אין שאפ, און דארום וואלט די בעסטע מעטאדע געווען, לויט זיין מיינונג, צו באזעצען, צו „קאלאניזירען" פילע פון די שעפער אויסער ניו יארק מיט ניו יארקער ארבייטער, וועלכע זיינען גוטע יוניאן־לייט, און וועלכע זאלען פארשטעהן ביסלאכוויז, ביסלאכוויז אריינצוברייגגען די אידעע פון יוניאניזם אין די מוחות פון די ארבייטער, וועלכע זיינען געבליבען ביז איצט אין גאנצען פרעמד.

געוויס איז דער פלאן פון אגיטאציע נים ניי, און איז שוין אין פילע פעלע אנגעווענדעט געווארען, אבער נים אזוי סיסטעמאטיש, ווי דאס וואלט געווען ווינשענסווערט. דאס אלעס אבער שלאגט ער פאר פאר דער צוקונפט. פאר דערווייל איז דאס גלייכסטע אפשטעלען די ארבייט פון ארגאניזאציאן אויסער ניו יארק גאר אין גאנצען.

זאל שוין דא באמערקט ווערען, אז אין איינקלאנג מיט דעם רעפארט האט דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד געהאנדעלט, באשליסענדיג ארפצורופען פון זיין פעירזאל פארשיידענע ארגאנייזערס אין פארשיידענע פלעצער. אין צוזאמענהאנג מיט דעם איז אויך צוריקגעוויזען געווארען דער פארלאנג פון לאקאל 25 צו האבען א קאנפערענץ מיט דעם אפיס פון דער אינטערנײשאנאל איבער אט טאקע דער אנגעלעגענהייט פון די ארגאניזאציאנס ארבייט אויסער נו־יארק. די אלגעמיינע מיינונג איז געווען, ערשטענס, אז עס איז נימא איבער וואס צו קאנפערירען אין דער איצטיגער צייט; און, צווייטענס, אויב לאקאל 25 האט אירגענד וועלכע נייע פלענער, דארף ער זיך ווענדען נים צום אפיס פון דער אינטערנײשאנאל, נאר צו דעם דזשאינט באארד אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע. ערשט, ווען דער דזשאינט באארד וועט געפינען, אז עס איז דא עפעס אין דעם פלאן, קאן ער דאן קאנפערירען און בעראטען זיך מיט דעם אפיס פון דער אינטערנײשאנאל.

און אזוי ווי מיר האלטען שוין ביי דעם ענין פון דעם דזשאינט באארד אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע, טא זאל דא פארצייכענט ווערען דער פארלאנג זיינער צום דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פאר א פארשמעלצונג צווישען די צוויי לאקאלס: 22 און 23, אלס איין לאקאל פון דרעס מייקערס. עס איז אן אלטע פראגע, אבער זי האט ארויסגערופען א לעבעדיגע דיסקוסיע.

עס איז באשלאסען געווארען, אז די גאנצע אנגעלעגענהייט זאל דיסקוטירט און באשלאסען ווערען אויף דער קאנווענשאן, וועלכע דארף פארקומען נים שפעטער, ווי אין דעם קומענדען מאי.

לויט דעם רעפארט פון וויים־פרעזידענט פערלשטיין אין קליוולאנד, איז די לאגע דארט ווייט נים קיין גלענצענדע. ערשטענס, איז אין קליוולאנד, ווי אין פילע אנדערע קלאוק צענטערס, געווען גאנץ ווייניג ארבייט. דאס אליין איז שוין גענוג אורזאכע, אז די ארבייטער זאלען זיין זעהר אומרוהיג און זיך פיהלען שטארק נים צופרידען. צווייטענס, האבען די ארבייטער פון קליוולאנד נאך ביז איצט נים שלום געמאכט מיט דער וויסענשאפטליכער איינפיהרונג פון „סטענדארדס". עס איז דארום נאך גאנץ שווער צו זאגען עפעס באשטימטעס איבער דער איינפיהרונג פון סטענדארדס אין קליוולאנד. עס איז נאך אלץ אין דעם צושטאנד פון אן עקספערימענט. דעם מאנאט דארף דער אגרימענט צווישען דער יוניאן און דער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן אין קליוולאנד באנייט ווערען פאר די קומענדע זעקס מאנאטען, און עס איז נים אזוי לייכט פאראויס צו זאגען דעם רעזולטאט. ברודער פערלשטיין האט אויך מיטגעטיילט, דאס די יוניאן מאכט אלע אנשטרייגונגען צו ארגאניזירען די ארבייטער פון פרינץ בידערמאן, די איינציגע גרויסע פעקטארי, אין וועלכער דער יוניאן האט זיך נים איינגעגעבען ביז איצט צו קריגען אירגענד וועלכען קאנטראל.

וויים־פרעזידענט סקולמאן פון שיקאגא האט אויך נים געהאט מיטצוטיילען עטוואס, וואס זאל אביסעל ענדערען די שטימונג פון די פארזאמעלטע. ווידער א שרעקליכער ארבייטסלאזיגקייט, מיט וואס די באסעס באנוצען זיך, און האלטען אין איין אגיטירען פאר שטיק־ארבייט. ער איז נים באריים צו זאגען, ווי ווייט די דאזיגע פראפאגאנדע ווירקט אויף די בעלי מלאכות, אבער אום צו ווירקען געגען איהר און אום צו באווייזען די ארבייטער, אז די גאנצע מעשה וועגען שטיק־ארבייט איז בלויז א בלאף פון דער זייט פון די מאנופעקטשורער, האט ער איינעם פון זיי אויפגעפאדערט צו מאכען גוט זיין באריהמעריי, אז אויב ער וואלט געקאנט האבען שטיק־ארבייט, קאן ער שוין מארגען האבען פאר פילע וואכען ארבייט פאר אלעמען אין זיין שאפ. נאטירליך, האט דער מאנופעקטשורער נים געקאנט גוט מאכען זיין בלאף. מיט דער כלומרשט־דינער ערלויבניש פאר שטיק־ארבייט האט די פארשפראכענע ארבייט נאך ביז איצט פארפעלט זיך צו באווייזען.

וויים־פרעזידענט זיידמאן האט זיך אין זיין רעפארט באקלאגט, דאס ער האט אין סינסינעטי נים פיל צו טאן. וואס עס איז געווען נויטיג, האט ער אויפגעטאן, און איצט וואלט א לאקאלער באאמטער, מיט דער הילף פון וויים־פרעזידענט פערלשטיין, וועלכער קאן קומען פון צייט צו צייט, געווען פאלשטענדיג גענוגענד. דער טראבעל איז, דאס די ארבייטער אין סינסינעטי ווילען דורכאויס אייגעם פון ניו יארק. נאך פונדעסטוועגען, וויפיל עס איז מעגליך געווען פאר איהם אויפצוטאן, האט ער אויסגעפירט. פילע סטרייקס זיינען דורך זיין אריינמישען זיך אויסגעמידען געווארען. עס איז געשאפען געווארען אן עמוירדזשענסי פאנד, ווי אויך א פאר הונדערט דאלער פאר רוסלאנד. א חוץ דעם האט ער איינגעפירט לעקטשורס, אין וועלכע די מיטגלידער געפינען א גרויסען אינטערעס.

וויים־פרעזידענט מאקס גאָרענשטיין האט רעפארטעט איבער דער לאגע אין באסטאן און אין א פאר שטעדטלאך ארום באסטאן. אויך אין דעם רעפארט איז נים געזאגט געווארען עטוואס, וואס אונזערע לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" וויסען נים. דאס זעלבע אין דעם רעפארט, וועלכען ברודער שניידער האט צוגעשיקט. זיי אלע אבער פאדערען, אז די פארשיידענע לאקאלס זאלען אמאלגאמירט ווערען אין איין דזשאינט באארד, און דאס צוליב דעם איז נויטיג די אנוועזענהייט פון פרעזידענט שלעזינגער.

וויים־פרעזידענט פאזען פון באסטאן האט גערעדט אין דעם זעלבען זין, און עס איז באשלאסען געווארען, אז ביי דער ערשטער פאסענדער געלעגענהייט זאל פרעזידענט שלעזינגער קומען קיין באסטאן און אויסגלייכען די פארשיידענע סכסוכים צווישען די פארשיידענע לאקאלס אונזערע, און די נויטיגע אמאלגאמיישאן זאל ווערען א ווירקליכקייט.

וויים־פרעזידענט מ. לעפקאוויטש האט באריכטעט איבער זיין איצטיגע ארבייט, אלס מענעדזשער פון לאקאל 3. ער האט דערצעהלט, ווי אזוי עס איז אויסגעמידען געווארען דער קאמף, וועלכער האט געסטראשעט די לײדיס טיילאר אינדוסטריע און דאס ביז איצט זיינען פארגעקומען בלויז צוויי קליינע סטרייקס, און די זיינען באלד געוואונען געווארען.

א חוץ די רעפארטען זיינען ערשינען פארשיידענע קאמיטעס מיט אלערליי אנגעלעגענהייטען. אזוי האט לאקאל 76 פון פילאדעלפיע, וועלכער באשטעהט פון פריוואט דרעסמייקערס, פארלאנגט, אז די אינטערנײשאנאל זאל זיי העלפען אין זייער ארגאניזאציאנס ארבייט. באשלאסען צו געבען זיי די נויטיגע הילף, אבער בעסער פון אלץ וואלט געווען, ווען דער דאזיגער לאקאל וואלט זיך אנגעשלאסען אן איינעם פון די עקזיסטירענדע לאקאלס אין פילאדעלפיע.

א קאמיטע פון באלטימאר האט פארלאנגט פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד צו שיקען איינעם פון אונזערע, אם בעסטען ברודער זיגמאן, וועלכער זאל מאכען א שטיקעל לאד דארט. דארט איז אלץ צושרויפט, און זיי נויטיגען זיך, אז מען זאל זיי פשוט לערנען, ווי זיך צו פירען. לויט זייער מיינונג, וואלט ברודער זיגמאן באדארפט זיין ביי זיי עטליכע וואכען בלויז און עס וואלט געווארען ארדנונג.

א קאמיטע פון די קלאוק פרעסער אין פילאדעלפיע, א ברענטש פון לאקאל 4, האט פארלאנגט א טשארטער פאר א זעלבסטשטענדיגען לאקאל. זיי פילען זיך נים גוט אין דעם לאקאל און זיי זעהען נים איין, ווארום א טשארטער זאל זיי נים באוויליגט ווערען. באשלאסען די פראגע איבערצוגעבען צו א קאמיטע, וועלכע זאל ברייגגען א רעפארט וועגען דעם צו דעם נעקסטען מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד.

די דאזיגע אלע רעפארטען און באשליסע זיינען דורכגעפירט געווארען אויף די עטליכע מיטינגען אין פילאדעלפיע. אבער מיט דעם האט נאך דער־דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד נים געענדיגט זיין ארבייט.

לאקאל 48, דער איטאליענישער לאקאל, האט איינגעלאדען דעם גאנצען גענעראל עקזעקוטיוו באארד מיט פרעזידענט שלעזינגער בראש צו ערעפענען זיין נייע ארבייטער היים, דעם ווירקליך פרעכטיגען ארבייטער טעמפעל, וועלכען דער דאזיגער לאקאל, וואס איז אזוי רייך אין אונטערנעמונגס־גייסט, האט אויפגעבויט, אלס אייגענע היים פאר זיין יוניאן טעטיגקייט.

און דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט מיט פארגעניגען די דאזיגע איינלאדונג אנגענומען, און אזוי איז לעצטען פרייטאג אויפגעטאן געווארען א דאפעלטע ארבייט. ערשטענס, האט פרעזידענט־שלעזינגער אין עטליכע געפיהלפולע ווערטער ערעפענט די דאזיגע שעהנע ארבייטער היים, וועלכער איז דער גרויסער רעזולטאט פון דעם ארבייטערס שטארקען ווילען און פון זיין יוניאן געטריישאפט; און, צווייטענס, איז אין דעם קאנסיל־רום, וועלכער איז דער שעהנסטער אין דעם גאנצען הויז, און צו וועלכען יעדער איינער פון די באאמטע פון לאקאל האט ביי־געטראגען זיין מתנה, אפגעהאלטען געווארען דער לעצטער מיטינג פון דעם ג. ע. ב. עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דעם מעמאראנדום, און צוליב דעם זיינען איינגעלאדען געווארען די הויפט באאמטע פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן, ווי אויך די הויפט־באאמטע פון די פארשידענע לאקאלס.

די דעבאטע איבער דער פראגע האט אנגעהאלטען עטליכע שטונדען. עס האבען גערעדט פיינבערג, קאפלאוויטש, ברעסלא, לאנגער, שעהן און שלעזינגער. עס האט זיך נים געהאנדעלט דא וועגען אנגעמען א געוויסען באשלוס, עס איז אבער נויטיג געווען, מען זאל זיך גוט פארשטעהן. און אט דעם רעזולטאט, האט, דאכט זיך, די דעבאטע געבראכט.

צו לעצט זאל דא פארצייכענט ווערען דער באריכט פון דער פינאנס קאמיטע, וועלכער איז אזוי גוט, כמעט מייסטערהאפט, צוזאמענגעשטעלט געווארען פון איהר סעקרעטאר, וויים־פרעזידענט דזש. העלער, אז דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט געהאלטען פאר נויטיג אויסצודריקען זיין דאנק דער קאמיטע. די פינאנציעלע לאגע, ווי אויך די גאנצע ארבייט אין אפי ספון אינטערנײשאנאל, איז דורך דעם רעפארט געווארען קלאר פאר אלע. אין צוזאמענהאנג מיט דעם איז באשלאסען געווארען צו פאראייניגען דעם מעילינג דעפארטמענט פון אונזערע צייטונגען מיט דעם רעקארד דעפארטמענט. א חוץ דעם, וואס אזא פאראייניגונג וועט פירען צו א גאנץ היבשע עקאנאמיע, איז צו האפען, אז ער וועט פירען צו א פארבעסערונג איןביידע דעפארטמענטס.

זאל דא אויך דערמאנט ווערען, אז עס איז ערשינען א קאמיטע פון דער יוניטי הויז אין די פערזאנען פון די שוועסטער מים סוויצקי און מים סילווער, און פארלאנגט, אז די אינטערנײשאנאל זאל איבערנעמען די יוניטי־הויז. באשלאסען צו איבערגעבען דאס צו א קאמיטע, וועלכע זאל וועגען דעם באריכטען צום נעקסטען מיטינג פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד.

לידער

פון מ. פערעלמוטער.

העלע פעדים.

אין שיינעם קאפ פון מיין און איינציגער
פארמערען זיך פון טאג צו טאג
די העלע פעדים, —
אה, הימעל!
איך ווידערשפעניג נים,
ווי ס'ווידערשפעניגט נים
דער שטויב פון אונטער מיינע פים
אנטקעגען מיר,
נאר א פארלארענער,
אין אוממאכט,
זאג איך גלאט אזוי צו זיך אליין:
אין שיינעם קאפ פון מיין און איינציגער
פארמערען זיך פון טאג צו טאג
די העלע פעדים...

מיינע שטאמעלדיגע ווערטער

מיינע שטאמעלדיגע ווערטער,
ווי די וואסער־בלעזלאך איבער א דערטרונקענעם,
גרייכען זעלטען צו דעם אויער
פונ'ם רעטער:
בול, בול, בול —
שטילע, קליינינקע און שוואכע
בולבען, בולבען זיי א ווײלע
און פארגייען...

GERECHTIGKEIT
A Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.00 per year.

Vol. III. No. 42. — New York, Friday, October 14, 1921.

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

קליין און מאגער איז אונזער הילף פאר רוסלאנד!

שוואך, זעהר שוואך, איז ביז איצט
דער אפרוף פון אונזער גרויסער מעמבער־
שיפ, פון אלע אונזערע קלאוקמאכער,
גוייסט און דרעס מאכער, רייניקאוט מא־
כער, עמברוידערער, און אלע, אלע, וועל־
כע געהערען צו אונזער אינטערנעשאנאל
— אויף דעם ביטערן, פארצווייפעלטען,
הארץ־רייסענדען הילף־געשריי פון רוס־
לאנד, פון אונזער „מוטערל" רוסלאנד!
מאגער, שרעקליך מאגער זיינען די רעזול־
טאטען פון אונזערע קאלעקשאנס אין די
פארשיידענע שעפער, אזוי מאגער, אז איי־
נער מעג זיך פרעגען מיט פארוואונדערונג:
זיינען דאס די מעמבערס פון אן ארגאני־
זאציאן, וואס שט'ט אלס איינע פון די
ראדיקאלסטע, פארטגעשריטענסטע ארביי־
טער קערפערשאפטען אין אמעריקא?
האט זי א רעכט אויף איהר גרויסע רע־
פוטאציע?

***

און ווען פאר דער גרויסער דרויסענדי־
גער וועלט קאן גילטען דער תירוץ: „די
מענשען ארבייטען ניט, די צייט איז
שלעכט, מא ווי קאנען זיי געבען עטוואס
פאר רוסלאנד, אז זיי האבען אליין קוים
אויף אויסצוקומען", קאן אבער דער דא־
זיגער עקסקיוז ניט גילטען פאר אונז.
מיר האבען ניט קיין טענות צו די, וועלכע
ארבייטען ניט, און ניט זיי האבען מיר
אין זינען. מיר ווייסען אבער פון גאר
פילע, פילע, וועלכע ארבייטען יא אין די
שעפער, און פארדינען גאר ניט שלעכט,
האבען זאגאר פולע ארבייטס־וואכען, און
גראדע די, אורטיילענדיג פון איינינגע זא־
מעל־ליסטען, וואס איז אונז אויסגעקומען
צו זעהן, האבען זיך אנטזאגט צו באצאלען
זייער חוב, זייער האלבען טאג ארבייט!

***

און דאס איז ווירקליך דאס טרויעריג־
סטע אין דער געשיכטע. די זעלביגע מענ־
שען זיינען מסתמא מיט'ן מויל, ווען עס
קומט צו רייד, פארברענטע באלשעוויקעס
און קאמוניסטען. זאל איינער נאר פרו־
בירען זאגען א שלעכט ווארט אויף זיי, און
זיי וועלען איהם פארדאמען, אלס דעם
ערגסטען פאררעטער, נאר אט קומט די
געלעגענהייט, ווען זיי קאנען ארויסווייזען
זייער פריינדשאפט צו רוסלאנד און זייער
פייערדיגען ראדיקאליזם, איז קיינער פון
זיי אין דער היים ניטא. דאס איז א
מערקווירדיגער קאמענטאר אויף דעם רא־
דיקאליזם און רעוואלוציאנעריזם פון גאר
פילע, פילע אידישע ארבייטער...

***

אבער ווארום ריידען וועגען ראדיקא־
ליזם, פארטגעשריטענהייט, ווען עס איז
דא נאר א פראגע פון ראטעווען פון טויט
מיליאנען מענשליכע לעבענס? דארף מען
דען זיין א ראדיקאל אום צו טאן אזא זאך,
ווי צו דערלאנגען די האנט פון הילף צו
דעם ברודער, צו דער שוועסטער, וואס
נויטיגען זיך אזוי שטארק אין דער הילף,
דאס ווען איהר וועט עס ניט טאן, פאר־
דאמט איהר זיי צו א זיכערען טויט, און
צו דעם ערגסטען טויט, וואס איז דא, צו
א שרעקליכען, לאנגזאמען אויסגעהן פון
הונגער? ניט קיין ראדיקאליזם, ניט
קיין פארטגעשריטענהייט אין גרויסע אי־
דעען פאדערט זיך דערצו. איינער דארף
נאר זיין א מענש, אין וועלכען עס שלאגט
א מענשליכע הארץ, און ער קאן אנדערש
ניט האנדלען, ווי צו געבען אלעס, וואס
איז נאר מעגליך פאר איהם, כדי זיין גע־
וויסען זאל איהם ניט אנקלאגען, אלס
מערדער, אלס מערדער פון די, וועלכע זיי־
נען איהם אזוי נאהענט.

***

מיר האבען אימער טענות צו דער בור־
זשואזיע, צו איהר קרעמערישען גייסט, און
דאך, ווי גרויסמוטיג עס האט זיך אפגע־
רופען אט די פארדאמטע בורזשואזיע אויף
דעם הילף געשריי פון רוסלאנד. מיליאנען
קינדער, רוסישע ארבייטס־קינדער, ווערען
איצט געשפייזט אט פון דער זעלבער אמע־
ריקאנער בורזשואזיע, קענען ווערען מיר,
די ראדיקאלען, האלטען זיך אזוי גרויס.
מיר האבען נאר געקאנט פארדעכטיגען
איהר, אז זי מיינט, מיט איהר גרויסמוט,
איינצונצען צו פארניכטען די רוסישע רע־
וואלוציע. וואס זשע אבער האבען מיר דער־
וויל געטאן, אז דאס זאל ניט געשען? ווי־
פיל שיפען מיט קליידער, שפייז האבען
מיר, די ארבייטער, אוועקגעשיקט קיין
רוסלאנד, אום אויפצוהאלטען די מיליא־
נען הונגעריגע ביים לעבען, און כדי זיי
זאלען פילען, אז אין דער אויפהאלטונג
פון זייערע לעבענס זיינען זיי ניט איינ־
גאנצען, לכל הפחות, אפהענגיג פון דעם
קלאס עקספלואטאטארס?

מיר שטעלען דיזע פראגע, און מיר הע־
רען ניט קיין ענטפער פון ערגעץ ניט. ווי־
ניגסטענס מיר, די גרויסע מעמבערשיפ
פון דער אינטערנעשאנאל, האט דערוויל
בלוט־ווייניג אויפגעטאן פאר רוסלאנד.

***

מיר אפעלירען דארום נאך אמאל און
ווידער אמאל: ברידער, שוועסטער, מעמ־
בערס פון דער אינטערנעשאנאל, העלפט
רוסלאנד, דעם הונגערענדען, דעם נאקע־
טען, טויטליך־פארוואונדעטען רוסלאנד
מיט אלץ, וואס איהר קאנט. איהר טארט
ניט בלייבען גלייכגילטיג צו אזא שרעק־
ליכער קאטאסטראפע. האט איהר שוין
פארגעסען, ווען איהר אליין האט געליטען
און זיך גענויטיגט אין הילף, און געקראגען
אויך די הילף? טא ווי קאנט איהר איצט
בלייבען טויב און שטום צו די מיליאנען,
וועלכע שטרעקען אויס זייערע הענט נאך
א שטיקעל ברויט? ווי קאנט איהר עס,
ווי טארט איהר עס?

***

מיר האבען אין אנפאנג געגלויבט, אז
די פארפליכטונג פון בלויז איין האלבען
טאג איז פיל צו ווייניג פאר די לינדערונג
פון אזא שרעקליכען אומגליק; מיר הא־
בען געקלערט, אז כדי מיר זאלען מאכען
פיהלען רוסלאנד, אז די אמעריקאנער אי־
דישע ארבייטער, וועלכע קומען פון רוס־
לאנד, האבען געלעבט, געשטרעבט, גע־
קעמפט אין רוסלאנד, האבען ניט פארגע־
סען רוסלאנד, דארפען מיר טאן עטוואס
מעהר. מען האט אונז געענטפערט: די
צייט איז איצט זעהר שלעכט, זאל עס
ד ע ר ו ו י י ל זיין גענוג. מיר האבען
דארום זיכער גערעכענט, אז ווייניגסטענס
דעם פארפליכטעטען האלבען טאג ארבייט
וועט קיינער, קיינער זיך ניט אנטזאגען צו
געבען, און מיט אמאל אזא ביטערע אנ־
טוישונג. פאר וואס? האבען מיר דען
ניט גענוג אפעלירט? האבען מיר דען
ניט קלאר געמאכט, ווי וויכטיג עס איז,
אז גראדע די ארבייטער, פון זייער זייט,
זאלען טאן דאס מעגליכסטע פאר רוס־
לאנד? עס איז ווירקליך אומבאגרייפליך.
אפשר האבען אונזערע ארבייטער אפגע־
לעגט צו באצאהלען זייער חוב אויף א
קורצע ווײלע, טראכטען מיר, איז בעטען
מיר זיי עס ניט אפצולעגען אויף נאך לענ־
גער. די נויט איז גרויס, יעדע אפליגונג
קאן קאסטען און קאסט טויזענדער מענ־
שען זייערע לעבענס. עס טאר ניט מעהר
אפגעלייגט ווערען. באלד, וואס אם ניכ־
טסען, מוז געשאפען ווערען די הילף.
ברידער און שוועסטער, מעמבערס פון דער
אינטערנעשאנאל, דער באשלוס פון דער
קאנפערענץ פון די עקזעקוטיוו באאמטע
פון די פארשיידענע לאקאלס פון אונזער
אינטערנעשאנאל, אז אלע, וועלכע ארביי־
טען, זאלען ביישטייערן א האלבען טאג
פון זייער ארבייט, טאר ניט בלייבען א
טויטער בוכשטאב, ער מוז ווערען א לע־
בעדיגע ווירקליכקייט, אזוי, אז שוין אין
די נעקסטע טעג זאלען מיר קאנען לאזען
וויסען דער וועלט, און, מעהר פון אלץ,
אליין קאנען פיהלען, אז אונזער אינטער־
נעשאנאל האט געטאן איהר פולע פליכט
צו רוסלאנד אין זיין גרויסען אומגליקלי־
כען פאלס.

גאלדענע ווערטער און פרומע ווינשע.

עס איז גוט, וואס ניט מר. סעמיועל
אונטערמייער און ניט איינער פון זיינע
זיהן לויפט דאס יאהר פאר אירגענד אן
אפיס. מיר וואלטען זיך דאן געמוזט צו־
ריקהאלטען פון איבערגעבען איינינע אויס־
ציגע פון סעמיועל אונטערמייערס א רע־
דע אין סיראקיוז, אויס דעם גאנץ איינ־
פאכען גרונד: „מה יאמרו הגוים"?
וואס וועלען זאגען אונזערע הייליגע, פרינ־
ציפען־פעסטע סאציאליסטען: אהא, אט
אגיטירט שוין די „גערעכטיגקייט" פאר
טעמעני. אבער אזוי ווי גליקליכערווייזע
קיינער פון אונטערמייער'ס משפחה לויפט
ניט פאר קיין אמט, קאנען מיר זיך ערלוי־
בען צו געבען איינינע ציטאטען פון אט
דער רעדע, כאטש שוין צוליב דעם, אום
צו ווייזען, אז איינער דארף דוקא ניט זיין
אליין אן ארבייטער, אדער א פארשטעהער
פון ארבייטער, אום צו וויסען, אז די הוי־
כע ווידזשעס פון ארבייטער זיינען ניט
שולדיג אין די איצטיגע הויכע פרייזען, אז
פריהער פון אלעמען, כדי עס זאל קומען
צו א צושטאנד פון „נארמאלסי", מוזען
די פראפיטירס, צוערשט ארפלאזען פון
זייערע פראפיטען; אז דער שטאל טראסט
מיט זיין רעספאטיזם קעגען די ארבייטער
איז די גרעסטע געפאר פאר'ן לאנד, און
אז דאס ארעסטירען פון א 500 אדער א
טויזענט גרויסע פראפיטירס, וועלכע פא־
ראדירען אלס פראמינענטע ביזנעס לייט,
איז דער איינציגער אופן צו ברייגנען ביז־
נעס צו אן עהרליכען באזיס.

***

אט וואס מר. סעמיועל אונטערמייער
זאגט וועגען די ארבייטער און זייערע
ווידזשעס:

„דער מעכאניק און דער ארבייטער קענען
ניט מעהר קויפען פאר די ווידזשעס, וואס
זיי קריגען היינט, ווי זיי האבען עס געקאנט
קויפען מיט 10 יאהר צוריק פאר די וויידז־
זשעס, וואס זיי האבען דאן געקראגען. די
פראפיטירער און די קרימינעלע טראסטס הא־
בען געצוואונגען דעם ארבייטס־מאן צו פא־
דערען מעהר, כדי צו קענען לעבען. זיי הא־
בען דאס געפיהרט די פראצעסיע פון שטייגענ־
דע פרייזען, און מען מוז זיי טרעפען די ער־
שטע, כדי די לעבענס־קאסטען זאלען ווערען
ביליגער".

אין אן אנדער פלאץ אין זיין רעדע אי־
בער די שייכות פון קאפיטאל און ארבייט,
זאגט אונטערמייער פאלגענדעס:

„דער גרעסטער שונא פאר אונזער אינדוסט־
ריעלען לעבען און פרידען, וואס זאל זיין
געגרינדעט אויף א פריינדליכע פארשטענדי־
גונג צווישען קאפיטאל און ארבייט, איז, לויט
מיין מיינונג, דער שטאל טראסט, וועלכער אונ־
טער דער פרעזידענץ פון עלבערט גערי, האט
יאהרען־לאנג קאנצענטרירט זיין גוואלדיגע
מאכט פאר די אנפיהרונג פון א קאמפיין פון
שפיאנעריי און אונטערדריקונג, וואס איז גע־
צילט צו דער פארניכטונג פון ארגאניזירטער
ארבייט... דער בלויזער פאקט, דאס אזא צו־
שטאנד עקזיסטירט, איז אן און פאר זיך אן
ערנסטע אנקלאגע געגען אונזער פארם פון רע־
גירונג."

***

דאס זיינען גאלדענע ווערטער. ווער
קאן, ווער וועט וואגען צו באשטרייטען
זייער ריכטיגקייט? אבער מר. אונטער־
מייער גלויבט נאך אלץ, אז שולדיג אין
דעם אלעם איז ניט די גאנצע סיסטעם,
אונטער וועלכע מיר לעבען, נאר דער אדער
יענער דזשענעראל אטארני, וועלכער איז
אזא שלעכטער, וואס וויל ניט ארייננזעצען
די גרויסע רויבער, וואס פאראדירען אלס
פראמינענטע ביזנעס לייט, הינטער די
פריזאן גראטעס. וואס פאר א לעסאן דאס
וואלט געווען — מיינט ער — ווען אזעלכע
טויזענט חברה־לייט ווערען ארייננגעזעצט
אין פריזאן. „דאס — זאגט ער — איז
דער איינציגער וועג צו ברייגנען ביזנעס צו
אן עהרליכען באזיס, און אויב דאס זאל
באלד ניט געטאן ווערען, וועט די רעגירונג
באלד ניט האבען קיין כוח צו קעמפען
קעגען דיזע כוחות".

***

דאס איז ניט מעהר, ווי א פרומער
וואונש. וויים דען ניט סעמיועל אונ־
טערמייער דורך זיין לאנגער ערפארונג, אז
דאס קאן ניט און וועט ניט געשעהן? ער
זאגט גאנץ נאאיוו, אז די רעגירונג וועט
ב א ל ד ניט האבען קיין כוח צו קעמ־
פען אט קעגען די פינסטערע כוחות. ווענדט
זיך עס דען נאר אין כוח? איז ניט נוי־
טיג אביסעלע גוטער, שטארקער ווילען
דערצו? און ווי קאן א רעגירונג, וועלכע
שטיצט זיך אויף אט די זעלבע כוחות,
האבען ווען עס איז דעם ווילען דערצו?
האט עס שוין ווען פאסירט אזא זאך?
קאן די רעגירונג, ווי עהרליך זי זאל ניט
זיין, ווי גוט זי זאל עס ניט מיינען, איינ־
רייסען מיט אונזערע באנקירען, מיט אונ־
זערע טראסטס, וועמעס באשעפעניש זי
איז? דאכט זיך, אזא קלוגער, ערפארע־
נער מאן ווי סעמיועל אונטערמייער האט
עס געמעגט וויסען, און דאך אזא נאאי־
וויטעט. פשוט אומבאגרייפליך.

אלעקסאנדער האוואט.

אלעקסאנדער האוואט איז איינער
פון די זעלטענע ארבייטער־פיהרער,
וועלכער האט ניט מורא צו געהן אין גע־
פענגניס אין זיין קאמף פאר רעכט און
פרייהייט פון דעם ארבייטער. אלעק־
סאנדער האוואט איז א מענש וואס האט
דעם מוט פון זיינע איבערצייגונגען, און
איז בארייט צו ליידען פאר זיי. פראזען־
שיסער אין דער ארבייטער־באוועגונג הא־
בען מיר א סך; אפשר מעהר, וויפיל
עס איז נויטיג פאר דעם געזונט פון
דער ארבייטער־באוועגונג, אבער מענשען
מיט קוראזש, מענשען מיט א טיפען גלוי־
בען אין דעם, וואס זיי פרעדיגען, דאס
איז גראדע זעלטען צו געפינען צווישען
די לייטענדע גייסטער פון דער אמערי־
קאנער ארבייטער־באוועגונג. העכער
איז אלעקסאנדער האוואט, כאטש ער
האט מעהר ניט געטאן, ווי ער האט גע־
האנדעלט לויט זיין טיפען גלויבען, א
זעלטען שעהנע אויסנאם צווישען די
פיהרער פון דער אמעריקאנער ארביי־
טערשאפט. זיין האנדלונג איז באזונ־
דערס לויבענסווערט, ווייל ער האט גע־
האט דעם מוט ניט בלויז צו קעמפען גע־
גען דעם אינדאסטריעל קאורט, וועלכען
ער האלט פאר אומגעזעצליך, ווייל דער
אינדאסטריעל קאורט מיינט צו בארויבען
דעם ארבייטער פון זיין רעכט צו סטריי־
קען, נאר ער האט אויך געהאט די שטאר־
קייט צו געהן געגען דעם באשלוס פון
דער מיינער קאנווענשאן, וועלכע האט
איהם באפוילען צוריקצורופען דעם
סטרייק. ער האט זיך ענטזאגט דאס צו
טאן און האט בעסער אויסגעקליבען צו
געהן אין פריזאן. פאר איהם איז דער
פרינציפ העכער, הייליגער ווי אלע בא־
שלוסען פון דער מאיאריטעט. זיין גע־
וויסען, זיין איבערצייגונג איז זיין איינ־
ציגער וועג־ווייזער. אונז דאכט זיך, אז
אלעקסאנדער האוואט געהט אויף דעם־
זעלבען וועג, אויף וועלכען דעבס איז גע־
גאנגען. פריהער אדער שפעטער, אויב
ער וועט אנהאלטען אין דעם קורס, וועט
ער, חוץ דעם, וואס ער איז א גוטער, אי־
בערגעבענער טרייד־יוניאניסט, מוזען
ווערען א גוטער, איבערגעבענער סאציא־
ליסט, א מענש, וועלכער זעהט איין, אז
אונזער גאנצע ארדנונג מוז אומגעשאפען
ווערען, כדי דאס לעבען פון דער גאנצער
געזעלשאפט בכלל, און פון דעם ארביי־
טער־קלאס בפרט, זאל ווערען א מעהר
מענשליכע. לאמיר האפען, אז אלעק־
סאנדער האוואט'ס ביישפיל פון קוראזש,
פון פעסטקייט פון איבערצייגונג וועט
פילע אנדערע ארבייטער־פיהרער ערמו־
טיגען צו האנדלען אזוי ווי ער, און דאן,
און נאר דאן וועט אונזער ארבייטער־
באוועגונג געלינגען ארויסצוקומען פון
דער באצויבערטען צירקעל, אין וועלכען
זי דרעהט זיך, אזוי הילפלאז און אזוי
מאכטלאז.

אונזער גראטולאציאן צו לאקאל 48.

א גרויסען, שעהנעם, נייעם, מעהר, א
פרעכטיגען ארבייטער־טעמפעל האט לא־
קאל 48 אויסגעבויט אלס היים פאר זיין
יוניאן־טעטיגקייט. וויפיל ענערגיע, אפ־
פערוויליגקייט עס האט זיך געפאדערט
סיי פון דער פיהרערשאפט פון לאקאל
און סיי פון דעם רענק־ענד־פייל צו נעמען
אויף זיך אזא גרויסע און שווערע אויפ־
גאבע און אויסצופיהרען איהר אזוי גלענ־
צענד! דאס הויז אויף דער 14טער סט.
צווישען צווייטער און דריטער עוועניו
איז אזוי שעהן, אז עס ווארפט זיך אלע־
מען אין די אויגען, און דערמיט אליין
האט עס זיין גאנץ גרויסע פראפאגאנ־
דיסטישע ווירקונג. ווער וועט קענען
פרביינגעהן דאס הויז, אויסגעבויט פון
ארבייטער־גראשענס, און ניט באוואונדע־
רען די ענערגיע, די אויסדויער קראפט
פון די ארבייטער? ענדליך, ענדליך,
וועט דער פארבייגעהער מוזען זיך זא־
גען, האבען די ארבייטער אנגעהויבען
בויען אויך פאר זיך, און ניט בלויז פאר
אנדערע. און איינער דארף אריינגעהן
אין דאס הויז, באטראכטען יעדען
עטאזש, אום צו זעהן, ווי געשמאק, ווי
ליב עס איז, ווען איינער בויט פאר זיך.
עס איז קיין זאך ניט אויסגעלאזען געווא־
רען, וואס האט געקאנט מאכען דאס הויז
שעהנער, רייכער, באקוועמער, אנציהענ־
דער. דער קאונסיל רום, וואו דער עק־
זעקוטיוו פון לאקאל וועט האבען זיינע
זיצונגען, איז ווירקליך שעהן, און עס
וועט זיין א פארגעניגען צו בעראטען זיך
אין אזא צימער איבער די יוניאן אנגעלע־
גענהייטען. און פונקט אזוי גוט און בא־
קוועם האבען עס די שכנים פון דעם
לענדלארד, לאקאל 48, — לאקאל 10 און
לאקאל 23. שכנים ווי זיי זיינען, פיהלען
זיי זיך דאך אין דער היים. פון גאנצען
הארצען גראטולירט די „גערעכטיגקייט"
אין דעם נאמען פון דער אינטערנעשא־
נאל, לאקאל 48 פאר זיין גלענצענדען
אויפטו. זאל דער אויפטו זיין א ביי־
שפיל און א באגייסטערונג פאר אלע אונ־
זערע אנדערע לאקאלס.

א גרויסער ספעקטאר־אווענד אין קופער יוניאן.

לכבוד דעם באריהמטען אידישען
שריפטשטעלער, מרדכי ספעקטאר, וועל־
כער איז איצט א גאסט אין אמעריקא,
ארגאנזשירט דער י. ל. פרץ שרייבער־
פאראיין א קבלת־פנים אווענד, אין קופער
יוניאן, שבת אווענד, דעם 15טען אקטא־
בער, 1921.

דער פראגראם וועט זיין א גרויסער
און א פרעכטפולער. עס וועלען אנטייל
נעמען באוואוסטע שרייבער און קינסט־
לער. דערוויל קאנען מיר אנאנסירען דאס
צווישען די אנטיילנעמער וועלען אויך
זיין פאלגענדע פראמינענטע פערזאנען:
שלום אש, מ. גאטעספעלד, דר. ח. זשיט־
לאווסקי, ש. יאנאווסקי, יהואש, דר. יצחק
אייזיק הורוויטש, ש. ניגער, וויליאם עד־
לין, י. פישמאן, אב. קאהאן, הלל ראגאף,
יונה ראזענפעלד, אברהם רייזען און
תשר"ס. א. זעלדען, משערמאן.

טיקעטס צו בעקומען אין אלע איד־
ישע רעדאקציעס. פרייז 50 סענט.

אלערליי פון פילאדעלפיע

פון י. ש. פרענאוויץ

פילאדעלפיער ווייסט און דרעסמאכער ווילען שוין אויך אן אינדזשאנקשאן — זייערע לעכערליכע „באווייזע" — וואו געפינען זיך די שולדיגע אין דעם טויט פון 36 מענשען? — א פרעזידענט פון א קאלעדזש גיט א גאב דעם יעצטיגען „אמעריקאניזם" אין די קאלעדזשעס.

האט איהר שוין געהערט דעם נייעם איינפאל פון אונזערע ווייסט און דרעס מאנופעקטשורערס? עס האט זיך זיי פארוואלט ארויסקריגען א אינדזשאנקשאן געגען דער ווייסט און דרעס מייקערס יוניאן, וועלכע פיהרט אן אזא בראווען קאמף געגען זיי שוין די זיבעטע וואך. ווי עס האלט יעצט איז נאך א גרויסע פראגע אויב די אינדזשאנקשעניקעס וועט געלינגען דעם אינדזשאנקשאן צו קריגען, ווייל לויט די „באווייזע", וועלכע זיי האבען געבראכט אין קארט פאראכטאגען פרייטאג, דארפען זיי קיין אינדזשאנקשאן ניט קריגען. עס זיינען קיינע באווייזע ניט געווען: דאס וואס די מאנופעקטשורערס און זייערע עדות האבען געזאגט אויפ'ן וויטנעס סטענד, איז ניט געווען וואס צו הערען; מען האט געפיהלט אז די „באווייזע" זיינען ניט מעהר ווי בלאפס. דער לאיער פון דער יוניאן האט אבער פון איינעם פון די מאנופעקטשורערס ארויסגעקריגען „זאכען" וועלכע זיינען גאנץ וויכטיג, און דאס איז, אז ווייסט און דרעס מאנופעקטשורערס האבען געדונגען פריוואט דעטעקטיווס זיי צו העלפען אנפיהרען דעם קאמף געגען דער ווייסט און דרעס מייקערס יוניאן. ווען דיזער מאנופעקטשורער האט אנגעהויבען צו דערצעהלען „שרעקליכקייטען" וועגען דער יוניאן און וועגען די ארבייטער, וועלכע פיקעטען די שעפער ווי בראווע און טרייע סאלדאטען, האט ער דערצעהלט „גוואלדיגע" זאכען. לויט זיין דערצעהלונג זיינען די סטרייקערס די ערגסטע מענשען אויף דער וועלט; זיי האבען געמאכט רייאטס און זיי האבען פשוט זאגאר די פאליסלייט דערשראקען מיט זייערע האנדלונגען... ווען דער לאיער פון דער יוניאן האט דיזען פיינעם מענשען גענומען אויפ'ן צימבעל האט ער נעבאך געמוזט צוגעבען אז דאס וואס ער האט געזאגט האט קיין ווערט ניט... אויף א פראגע וואס די פיקעטס האבען געטאן נעבען זיין שאפ, האט ער ענדליך ארויסגעפלאצט אז מאנכע פון זיי האבען געווארפען זייערע טאמייטאס אין מיר פון זיין שאפ. אויף א פראגע אויב די טאמייטאס האבען וועמען עס איז געטראפען, האט ער געזאגט, אז לויט זיין וויסען, האבען זיי ניט געטראפען קיינעם...

דער זעלבער מאנופעקטשורער האט צוגעגעבען, אז ער האט געמוזט דינגען פריוואטע דעטעקטיווס איהם צו העלפען אין קאמף. פארשטעהט איהר: ער האט, לויט זיין באהויפטונג, געקריגען עטליכע סקעבס און ער האט מורא געהאט זיי צו לאזען אליין געהן אין שאפ אדער געהן א היים, האט ער דאס געדונגען די פריוואט דעטעקטיווס אז זיי זאלען היטען זייערע נשמות — דאס הייסט: זיי ברענגען אין שאפ און זיי צוריק אהיים אפפיהרען...

זיין עדות זאגען האט געמאכט א זעהר לעכערליכען איינדרוק אויף אלע אנוועזענדע, און פון צייט צו צייט האט אין קארט אויסגעבראכען א געלעכטער, טראץ דעם וואס דער דזשאדזש האט געפאדערט אז מען זאל ניט לאכען. אבער געהאלטען זיך איין פון לאכען ווען דער מאנופעקטשורער איז געווען אזוי הומאריסטיש...

איז ארויסגעקומען אן אלטע סקעביכע אויפ'ן וויטנעס סטענד, און זי האט דערצעהלט „שרעקליכע" זאכען וועגען די פיקעטס... זי האט געזאגט, אז גראדע דאן ווען א פאליסמאן איז געווען דערביי, האט איהר א סטרייקערקע געגעבען א זעץ אין הארצען און זי האט שיער ארויסגעטריבען איהר פאסקודנע נשמה פון איהר גאר ניט שעהנעם גוף. אויף א פראגע ווארום דער פאליסמאן האט דאס מיידעל ניט ארעסטירט, האט זי געזאגט, אז דער פאליסמאן איז געווען ביזי מיט אכטונג געבען אז מען זאל אנדערע סקעבס ניט שלאגען.

האט איהר דער לאיער פון דער יוניאן געפרעגט אויב זי קאן דאס מיידעל. זי האט געזאגט אז יא.

טא ווארום האט מען איהר ביז יעצט ניט ארעסטירט? האט זי ערקלעהרט, אז זי האט זיך ניט געוואלט „בארערען" דערמיט...

אויף א פראגע אויב זי האט דערצעהלט וועגען דעם די באסעס, האט זי געזאגט אז יא, אבער, ווען?

„היינט!" — האט זי געזאגט נאך אביסעל נאכדענקען, און דער „היינט" איז דאס געווען פרייטאג, ווען דער פארהער וועגען דעם אינדזשאנקשאן האט זיך אנגעפאנגען...

אלע האבען געפיהלט אז די פאסקודנע באשעפעניש האט געזאגט ליגען, און די לאיערס פון די מאנופעקטשורערס האבען געפיהלט דעם טעם פון טויט, ספעציעל ווען אלע אין קארט האבען זיך פאנאנדערגעלאכט, און — איך וואלט געשווארען אז דער דזשאדזש אליין האט אויך געגעבען א ריכטערליכען שמייכעל...

און אזוי זיינען געווען אלע עדות. זיי האבען דערצעהלט ניט געשטויגענע, ניט געפלויגענע זאכען וועגען דער יוניאן און וועגען די פיקעטס.

דער לאיער פון דער יוניאן האט גערופען א פאאר עדות פון די סטרייקערס און דיזע האבען געשילדערט די ברוטאליטעט פון דער פאליציי, פון די פריוואט דעטעקטיווס און — פון די באסעס. זיי האבען דערצעהלט ווי אזוי אונשולדיגע סטרייקערס זיינען געווארען ארעסטירט און ווי אזוי זיי זיינען נאכהער באפרייט געווארען ווייל עס זיינען געגען זיי קיינע באווייזע ניט געווען.

די יוניאן האט נאך אבער דאס ווארט ניט געהאט, ווייל דער פארהער וועט פארטגעזעצט ווערען נעכסטען שבת, דעם 15טען אקטאבער, און מען מעג ערווארטען אינטערעסאנטע פאקטען וועגען דעם ווי אזוי די מאנופעקטשורערס און זייערע טרייע דינער האנדלען אין דיזען קאמף געגען די ארימע און הארעפאסנע ארבייטער קינדער.

לויט דעם „סעמפעל" פון די עדות, וועלכע זיינען ערשינען לעצטען פרייטאג, קוקט אויס אז זיי וועלען קיין אינדזשאנקשאן ניט קריגען, סיידען דער דזשאדזש, ווי עס קאן זיך אמאל מאכען, וועט זיין פארטייאיש, ווי דאס טרעפט ניט זעלטען ווען עס האנדעלט זיך וועגען קעמפע צווישען קאפיטאל און ארבייט. שוין ניט איינמאל האבען דזשאדזשעס געהאנדעלט ניט לויט יושר, נאר לויט זייער ווילען צו העלפען מאנופעקטשורערס...

מאכט אבער ניט אויס אויב די מאנופעקטשורערס וועלען קריגען אן אינדזשאנקשאן אדער ניט — זיכער איז אז די בראווע סטרייקער וועלען זייער קאמף פארטזעצען ביז א זיגרייכען סוף.

מיט אינדזשאנקשאנס האט מען נאך קיינמאל קיין ווייסט און דרעסעס ניט געמאכט.

* * *

געפינען זיך אפשר ביי אייך, אין ניו יארק, די שולדיגע אין דעם טויט פון 36 מענשען? אין אונזערע געגענדען קאן מען זיי ניט געפינען; זיי זיינען פשוט ניטא — אזוי אם וויינינסטענס, האבען ארויסגעגעבען ערקלעהרונגען די פאליטישע מאכערס פון טשעסטער, פא., און א קאראנערס דזשורי אין פילאדעלפיא.

ווייסט איהר וועגען וואס דא האנדעלט זיך?

מיט עטליכע וואכען צוריק זיינען אין טשעסטער, פענסילווייניא (נעבען פילאדעלפיא), געטויטעט געווארען זעקס־און־צוואנציג מענשען. זיי האבען זיך געפונען אויף א בריק אין טשעסטער און דער בריק איז איינגעבראכען געווארען, ווייל סלופעס פון בריק וואו די מענשען האבען זיך געפונען, זיינען געווען פארפוילט. מען האט שוין לאנג אריינגעבראכט א רעקאמענדאציאן אז דער בריק איז א געפאהר און אז אין פאל מען וועט איהם ניט פיקסען, וועט טרעפען א שלעקליכער אונגליק. די שטאט באאמטע האבען אבער זיך נאר „פארגעסען" וועגען דעם; דער בריק איז געבליבען ווי געווען, און אלס רעזולטאט פון דיזער נאכלעסיגקייט האבען זעקס־און־צוואנציג מענשען זייערע לעבענס פארלארען.

א פייער האט אויסגעבראכען אין דעם פלענט פון דער אטלאנטיק ריפיינינג קא., פילאדעלפיע, און עלף מענשען האבען דארטען אויף א שוידערליכען אופן זייערע לעבענס פארלארען.

ווען די טראגעדיע האט פאסירט האט איינער פון די הויכע שטאט באאמטע געזאגט, אז אנגעשטעלטע פון פלענט האבען די שטאטישע פייערלייטע ניט צוגעלאזען גלייך אז זיי זאלען אנפיהרען א קאמף געגען די פלאמען אונטער דעם אויסרייד, אז די קאמפאניע האט איהרע איינענע פייערלייט און זיי קאנען אליין מאכען דעם „רזשאב". עס איז אויך פון א הויכען באאמטען געזאגט געווארען, אז די טראגעדיע וואלט קיינמאל ניט פאסירט, ווען די איינריכטונגען אין דעם פלענט וואלטען געווען מאדערנע. ענדליך איז געווען דעם קאראנער'ס פארהער, און וואס מיינט איהר איז געווען דער אורטייל? „די קאמפאניע איז ניט שולדיג"...

א אונטערזוכונג איז אויך געמאכט געווארען וועגען דער טראגעדיע אין טשעסטער, און ביז יעצט האט מען אויסגעפונען אז — קיינער איז ניט שולדיג. אי וואס, דער בריק איז געווען פארפוילט, א דאנק די פארברעכערישע נאכלעסיגקייט פון די באאמטע אונטער וועמעס אויפזיכט דער בריק איז געווען? אי וואס דער טשיף פון פאליס דעפארטמענט האט געזאגט אז שולדיג אין דער גרויסער טראגעדיע איז שמוציגע פאליטיקס? דאס איז גאר ניט; איז אלזא אזוי: ניט אין טשעסטער און ניט אין פילאדעלפיא קאן מען די שולדיגע אין דיזע טראגעדיעס געפינען. איז אפשר מעגליך אז זיי געפינען זיך דארטען ערגעץ ביי אייך אין נויארק? אויב יא, לאזט עס נאר וויסען אונזערע פאליטישענס, אונזערע שטאדט באאמטע און דעם פאליס דעפארטמענט, ווייל זיי האבען פיינט גרויסע פארברעכער צו געפינען...

* * *

ענדליך האט מען אויך דערהערט פון די אמעריקאנער הויכע פענסטער א גוט ווארט, און אויב די וועלכע האט דעם גוט ווארט געזאגט, וועט מען ניט קרויגען מיט דעם נאמען „באלשעוויטשקע", וועט עס בלויז זיין צו פארדאנקען דאס וואס זי אליין איז א מענש פון דער הויכער געזעלשאפט און וועלכע גלויבט נאך אין דער קאפיטאליסטישער סיסטעם.

די וועלכע האט געזאגט דאס גוט ווארט איז דר. מ. קערי טאמאס, פרעזידענט פון דעם אריסטאקראטישען ברין מאר קאלעדזש פאר פרויען, וועמעס טערמין עס וועט זיך באלד ענדיגען.

ביי דער ערעפענונג פון קאלעדזש האט דר. טהאמאס געזאגט צווישען אנדערעס אין איהר רעדע אז דער בלינדער גלויבען אין די הייליגקייט פון די אלע שוין עקזיסטירענדע געזעלשאפטליכע איינריכטונגען, און דאס ארויפצווינגען אויף אימיגראנטען דעם זעלבען בלינדען גלויבען איז א געפאהר פאר די פאראייניגטע שטאאטען.

זי האט ביטער אטאקירט דאס וואס מען ערלויבט ניט אין קאלעדזשעס די לעהרער און פראפעסארען צו האבען זייערע איינענע מיינונגען און דאס רעכט צו לערנען לויט זייער איינענעם באגריף.

דאס איז געווען די צרה אין דייטשלאנד — האט זי געזאגט, און אויב מען וועט ניט אויפגעבען דיזען איבעל, וועלען די בעסטע מענשען זיך ענטזאגען אויפצונעהמען די לעהרער פראפעסיע, און בלייבען וועלען בלויז אין דער פראפעסיע שוואכלינגע, אונפעהיגע ריכטיג צו דענקען, און וועלכע וועלען ניט וואגען צו קריטיקירען דאס וואס עס דארף קריטיקירט ווערען...

זי האט אנגעוויזען אויף די געזעצען אין נויארק וואו די לעהרער האבען קיין רעכט ניט צו קריטיקירען די קאנסטיטושאן, די געזעצען פון סטייט און טארען ניט אנריהרען די יעצטיגע געזעלשאפטליכע ארדנונג, און האט אויסגעדריקט איהר ענטריסטונג אויף דעם וואס דאס ווערט יעצט גערופען „אמעריקאניזם"...

„איך האב שוין דורכגעמאכט פיר עפאכען פון פאליטישען טומעל, און איך ווייס אז דאס וואס עס איז פארדאמט געווארען פון איין גענעראציאן, איז געווארען באטראכט פאר לאגיש און שכלדיג ביי דער צווייטער גענעראציאן. דערפאר איז אונזער פליכט ניט צו לערנען דאס וואס עס איז רעכט און אונרעכט, נאר אויך צו לערנען ווי אזוי צו דענקען לאגיש און אויפריכטיג."

אונזערע „קעפטיינס אוו אינדוסטרי" וועלען זיכער ניט אויסדריקען קיין גרויס אכטונג צו דר. טהאמאס, ווייל עס איז אין זייערע אינטערעסען אז אין די סקולס און קאלעדזשעס זאלען די לעהרער און פראפעסארען לערנען ווי עס לוינט זיך פאר זיי, די קעפטיינס אוו אינדוסטרי, און זיי גיבען געלד אויף קאלעדזשעס כדי צו האבען דעם „ריכטיגען" איינפלוס דארטען...

און — זיי האבען דעם „ריכטיגען" איינפלוס. זיי זיינען די מאן נעבער און די בילדונגס אנשטאלטען ווערען פון זייערע פיס געטראטען א דאנק דעם גאלדערנעם מעטאל...

אכט חדשים אין יאהר גיסטו מיר רענעלען „סלעק" און 2 חדשים האבען מיר אזוי קיין ארבייט ניט. און פון דער צייט וואס איך ארבייט יע ווילסטו נאך אז איך זאל זיין א בעל צדקה אויך דערצו. האסט מיך אביינגעווארפען אין א טרייד, וואס נאר עטוואס א האר ווערט זי פארשוואונדען; דו האסט מיך באשיינקט מיט א מושב זקנים פון בעלי־הבתים, וואס נאר א בלאז פאנגען זיי אן קוויטשען, וואס האבען אויף זיך אלע מאל א זויערען פנים, וויפיל כחות איך גיב זיי אוועק איז זיי אלץ ווייניג — און פארטיג. דו זיצט זיך דארטען אויפ'ן הימעל אין דיין כסא הכבוד, האסט זיך די זון ביי דיין זייט, וואס דערווארימט דיר; האסט זיך מיליאסען שטערען וואס באפוצען און באלייכטען דיר, האסט זיך די שעהנ'ינקע יונגע באפליגעלטע מלאכים'לאך וואס אונטערהאלטען דיר און איך לעג דא די ציינער אויפ'ן פאליצע. וואס נעהמט דיר אן וואס איך, דיין זוהן, יעקב יוסף ב"ר מנחם מענדעל הלוי, זעה אלע טאג דעם מלאך המות פאר די אויגען?

האסט נאר געדארפט זעהען ווי דיינע אויסדערוועהלטע, וועמען דו האסט אנפארטרויט דא אויף דיין וועלטעל אפצוהיטען דיין טרעזשורי, די בעלי־בתים מיינע, דערגעהען מיר דא די יאהרען. ווען איך ארבייט, לעדיגען זיי מיר אויס די קעשענעס. אלעס וואס איך מאך אויף נעהמען זיי צו און באהאלטען עס אין זייערע קופערטעס. זיי לאזען מיר בלויז איבער געגוג אויף צו שלעפען די פיס. פון מיין פראצע בויען זיי זיך אויף די שעהנסטע הייזער, קויפען זיך אן די שעהנסטע מעבעל, נעמען צו די בעסטע און איינגסטע טעכטער פאר זייערע ווייבער, זיי עסען, פרעסען, זויפען, הוליען און הולטייעווען, ווי גאט האט געבאטען (עס זעהט דאך אויס אזוי), ניט קיין קינד און ניט קיין רינד און גאר. און איך, דיין בעהארכזאמער גאר, שטעה אין קיך און קאך זיי און איך טרינק די סלינע. יע, איך וויל דיר ניט פארלייקענען, איך האב אויך מאנכעס מאל פארגעניגען פון מיין לעבען, אבער דאס איז איין מאל אין א שמיטה, און איך איך נעם מיינע זיבען פופקעלאך און געה מיט זיין זעהן טשארלי טשאפלין טאנצען אויף אזא ווייסען לייליאך. אה, איך זאל ניט זינדיגען מיט די רייד.

דאס איז אלץ געוועדט און גוטע צייטען, דו האסט געדארפט אנקוקען, ווי זיי קעהרען דא איבער א וועלט; ווי נאר עס נעהט אוים די ארבייט. עס ווערט „סלעק". זיי ווארפען זיך מיט מיר דאן ארום, פונקט ווי מיט א פילקע, ווי איך זאל ניט אנבויגען מיין קאפ, ווי אונטערטעניג איך זאל ניט זיין, איז נאר זיי קוויטשען, נאר זיי סטראשען מיר מיט הונגער. זיי ווילען נאר אפרייסען א האלבען ביסען פון מיין שטיקעל ברויט, זיי ווילען נאר איך זאל זיי ארבייטען פאר אומזיסט. זיי ווילען נאר איך זאל זיי העכערען די שטונדען, איך זאל זיך לאזען צושמירען צו מיין מעשין, ווי אן ארעסטאנט צום טאטשקע און אריינגיסען מיין לעבען אין זייער בעכער פון גליק. איך זאל ווערען זייערס איינגאנצען, מיט'ן גוף און מיט דער נשמה.

אין אלע אומגליקען, מאכען זיי מיר שולדיג, זיי פארשרייען מיר אזוי, אז איך האב פשוט מורא דעם מויל אויפצועפענען. איך ווער פון זיי פארפאלגט ווי אן ארימע פייגעלע פון א בייזען קאטער. און ביי דיר איז דאס אלץ רעכט!

הער זיך איין, טייער גאט ברוך הוא, וואס איך וויל דיר זאגען: דו האסט זיי, די בעלי בתים טאקע באמת ליב? טא צו וואס האלסטו זיי דא? נעהם זיי צו צו דיר, גאטעניו, גיב זיי א ליכטיגען גן־עדן! איך וועל זיך קענען באגעהן דא, אהן זיי אויך. איך פארזיכער דיר אויף דעם.

נאר גאר ניט, בעל רחמים וחנון. ענטשולדיג מיר, וואס איך האב דיין ליבען און הייליגען נאמען געלעסטערט. ווייסט דאך, ס'איז מיר שלעכט אויפ'ן הארצען. איך פיהל זיך ווי א פארבלאנדזשעטע שעפעלע. די וואסער דערגרייכט ביז'ן האלז. איך פיהל, אז איך ווער משוגע פאר צער און יסורים. עס דריקט אט־דא מיר אונטער'ן הארצען. איך פארליר דעם גלויבען, איך פארליר דעם מוט, גאט! איך בין פארצווייפעלט. עס פארלאזען מיר אלע מענשליכע געפיהלען. איך ווער א חיה! איך וועל פאר צערן באלד אפטאן עטוואס, וואס וועט דיין וועלט אויפשטורעמען. איך קען שוין דאס לענגער ניט אויסהאלטען. איך האב שוין מעהר קיין געדולד ניט. מיט מיינע צייהן וועל איך דיין ערד צוקייען און פארניכטען די פאדפארעס פון אונטער דיינע הימלען; מיט מיין שטימע וועל איך די וועלט פארטויבען און מיט מיינע צוזאמענגעדריקטע קולאקעס...

נאט, זיי מיר מוחל, זיי מיר מוחל...

דער שפראך-קאמף אין אלטע און נייע-צייטען

פון פיליפ קראנץ.

ווען מען לעזט די וועלט-געשיכטע, זעהט מען, אז ניט נאר פעלקער פיהרען מלחמות צווישען זיך, זאנדערן אויך זייערע שפראכען.

יעדער איינער ווייס, אז א סך פעלקער זיינען אינגאנצען פארשוואונדען געווארען, און אז נאך מעהר האבען זיך צוזאמענגעמישט צוליעב פארשיעדענע אורזאכען.

געוועהנליך, אז א פאלק געהט אונטער, שטארבט אויך אפ זיין שפראך. אבער ניט אלע מאל איז עס אזוי דער פאל. אפילו אין די אלטע צייטען האט עס ניט זעלטען פאסירט, אז ווען איין פאלק האט פארכאפט א פרעמד לאנד נאך א זיעגרייכער מלחמה, איז דארט שליסליך פארבליבען די שפראך פון די באזיעגטע און ניט פון די זיגער. דאס איז שוין אפהענגיג געוועזען פון דעם קולטורעלען צושטאנד פון דיעזע פעלקער. אין אלגעמיין מעג מען זאגען, אז ווען צוויי פעלקער האבען זיך צוזאמענגעשטויסען, געפיהרט צווישען זיך מלחמות, אדער זיך צוזאמענגעמישט, איז מעהר איינגעפלאנצט און פארשפרייט געווארען די שפראך פון דעם פאלק, וואס איז געשטאנען אויף א העכערען שטאפעל פון קולטור.

אין אזעלכע פאלען איז שוין פארגעקומען א קאמף צווישען די שפראכען גופא, עפעס אזוי ווי גאר אונאפהענגיג פון די פעלקער, וואס האבען זיי גערעדט. בקיצור, די וועלטגעשיכטע באווייזט, אז אין דעם שיקזאל פון א שפראך שפילען א גרויסע ראלע פארשיעדענע אורזאכען, ניט נאר די מיליטערישע גבורה אדער אפילו די צאהל פון זיעגרייכען פאלק, נאר אויך די קולטורעלע.

עס פארשטעהט זיך, אז א פאלק מיט מעהר בילדונג, מיט א העכערער ליטעראטור, קונסטען, טעכניק און וויסענשאפט וועט באאיינפלוסען די ארומיגע פעלקער, וועלכע געפינען זיך נאך אין א בארבארישען צושטאנד. הינטערשטעליגע פעלקער מאכען דאך געוועהנליך נאך די פארגעשריטענע.

אזוי איז עס געוועזען אין אלע צייטען, און אזוי וועט עס שטענדיג זיין. ניט אומזיסט זיינען אויפגעקומען וואס מען רופט „וועלט-שפראכען". דאס איז ענטשטאנען דורך א לאנגע קייט פון פאסירונגען. אט ליגט יעצט פאר מיינע אויגען א רעפארט איבער די שפראכען, אין וועלכע די ביבעל איז שוין אפגעדרוקט געווארען. די צאהל פון אזעלכע שפראכען איז 538. מען דארף אבער ניט מיינען, אז מעהר שפראכען זיינען שוין גאר ניט פארהאן אויף אונזער זינדיגער ערד היינט צו טאג. געוויס געפינען זיך נאך אזעלכע ווילדע שטאמען, וואס זייערע לשונות זיינען נאך ניט אויסגעלערענט געווארען פון די מיסיאנערען, וועלכע זוכען צו פארשפרייטען דעם קריסטענטום און באשעפטיגען זיך מיט איבערזעצונגען פון דער ביבעל אין אלערליי שפראכען.

נאר יערענפאלס, וויפיעל פון דיעזע עטליכע הונדערט שפראכען וועלען עס פארבלייבען אפילו אין דער נאהענטער צוקונפט? אויב עטליכע צעהנדליג, וועט עס זיין א סך. מען דארף גאר ניט זיין קיין נביא פאראויסצוזאגען, אז די שפראכען, ניט בלויז פון די ווילדע און האלב-ווילדע שטאמען, זאנדערן אויך פון איינינע ציוויליזירטע פעלקער וועלען מוזען אלץ מעהר אפטרעטען פלאץ צו אזעלכע, וועלכע ווערען אנגענומען פאר „וועלט-שפראכען" און וועלכע פיהרען צווישען זיך א קאמף פאר א, זא צו זאגען, איבערהערשאפט.

דאס איז א זעהר באלערענדער און אויך אינטערעסאנטער קאמף. עס איז א גרויסע פראגע, אויב די שטראף פאר בבל'ס טהורם וועט אמאל אויפהערען, און אויב די גאנצע מענשהייט וועט טאקע ריידען איין שפראך. אבער עס איז גאר קיין פראגע ניט, אז וואס גרעסער און ענגער עס וועלען ווערען די פארבינדונגען צווישען די ציוויליזירטע נאציאנען, אלץ מעהר וועט מען אנהויבען צו געברויכען איין שפראך, וועלכע וועט טאקע ווערען אזא אינטערנאציאנאלע שפראך, אז זי וועט ביסלעכווייז ארויסשטויסען אלע אנדערע פון געברויך, ווענינגסטענס אין האנדעל, אינדוסטריע און וויסענשאפט.

דערוויילע האלט עס שוין היינט צו טאג ביי אזא קאמף בלויז צווישען צוויי שפראכען, און דאס איז, נעמליך, צווישען דער ענגלישער און פראנצויזישער. נאר אלס א גרויסע קאנקורענטקע טרעט שוין ארויס אויך די שפאנישע שפראך. דערצו נאך ווערט אויך אלץ מעהר שטודירט די קינסטליכע שפראך, וואס איהר אידישער צוזאמענשטעלער, דר. זאמענהאף פון ווארשא, האט א נאמען געגעבען „עספעראנטא" (באדייט האפנונג). פיעלע גלויבען, אז די האפנונג פון איהר פארפאסער וועט טאקע ערפילט ווערען און אז „עספעראנטא" וועט מיט דער צייט אנגענומען ווערען פאר א וועלט-שפראך אין פולען זינען פון דיזע ווארט.

אט ווערט געמעלדעט פון זשענעווא, וואו עס ווערט אפגעהאלטען די צווייטע אסיפה פון דעם פעלקער-פארבאנד, אדער „ליעג אוו ניישאנס", ווי מען רופט עס, אויף ענגליש, אז מען האט אריינגעבראכט א פארשלאג צו געברויכען „עספעראנטא" אלס אן אלוועלטליכע שפראך און אז מען האט עס איבערגעגעבען צו א באטראכטונג פון א ספעציעלער קאמיסיע. צו דער דאזיגער פארשלאג וועט טאקע אפיציעל אנגענומען ווערען, בלייבט צו זעהן, אבער אז דאס איז העכסט נויטיג ביי די היינטיגע שפראך-צומישענישען און נאציאנאלע רייסערייען און שנאות — דאס מוז יעדער איינער צוגעבען.

אין וועג שטעהען דא אבער די צוויי ניט-קינסטליכע שפראכען, וועלכע פיהרען היינט די גרענדעס אויף אלע אינטערנאציאנאלע קאנגרעסען. דאס זיינען די ענגלישע, וועלכע פארנעהמט טאקע דעם ערשטען פלאץ אין דער ליסטע פון די פארשפרייטעסטע אייראפעאישע שפראכען, און די פראנצויזישע, וועלכע איז שוין א פאאר הונדערט יאהר אנערקענט אלס די דיפלאמאטישע שפראך.

ווי אזוי פראנצויזיש האט דערגרייכט צו אזא גדולה, דאס וועלען מיר דא לאזען אן א זייט. יעדער סטודענט פון דער געשיכטע פון די נייע צייטען ווייס עס. דאס איז א ירושה פון דער פריהערער גרויסקייט פון דער פראנצויזישער נאציאן. אבער היינט צו טאג, ווען מען וואלט געהאט אויסצוקלייבען אן אלגעמיינע דיפלאמאטישע שפראך, וואלט שוין דער גורל געוויס געפאלען אויף ענגליש.

בעפאר דער גרויסער מלחמה האט אויך דייטש פארנומען דעם פלאץ פון א וועלט-שפראך. אויף אינטערנאציאנאלע קאנגרעסען, ספעציעל אויף די סאציאליסטישע, איז דאך דייטש געשטאנען אויף א גלייכען פוס מיט ענגליש און פראנצויזיש. אלע רעדעס און רעפארטען פלעגט מען איבערזעצען אין דיזע דריי שפראכען, און מען האט זיי דערפאר גערופען „וועלט-שפראכען". עס איז, נאטירליך, קיין דעלעגאט ניט פארווערט געווארען צו האלטען א רעדע אין זיין מוטערשפראך, אויב ער האט ניט געקענט אדער ניט געוואלט געברויכען איינע פון די אנגענומענע דריי „וועלט-שפראכען". אבער דאס האט פאסירט זעהר זעלטען, ווייל עס איז שוין אזוי איינגעפיהרט געווארען, אז די דעלעגאטען פון אלע נאציאנען זאלען קענען ווענינגסטענס איינע פון דיזע דריי.

היינט איז שוין אויך די דייטשע שפראך ארונטערגעזעצט געווארען פון איהר פריהערען, זא צו זאגען, אימפעריאליסטישען טהראן.

דאס איז שוין אזוי, — נאך א נידערלאגע אויף די שלאכטפעלדער פאלגט אויך א נידערלאגע אויף די קולטורפעלדער. עס קען זיין, אז מיט דער צייט וועט דייטש ווידער ערווערבען איהר פריהערען פלאץ אויף די זיצונגען פון דער „ליעג אוו ניישאנס", נאר דערווייל האבען איהר פלאץ פארנומען פראנצויזיש און ענגליש. נאר פיעלע דענקען, אז דייטש וועט שוין גאר קיינמאל ניט קענען ווערען אזא וועלט-שפראך, ווי די ענגלישע אדער די פראנצויזישע, ווייל דייטשלאנד איז דאך געבליבען גאר אהן קאלאניעס. עס הייסט, אז די דייטשע שפראך וועט בלייבען בלויז א נאציאנאלע און אזא א י נ ע ר ל י כ ע, ווי, למשל, רוסיש. און פאר דעם וועלט-פארקעהר וועט מען שוין אלץ לערנען ענגליש, פראנצויזיש און אויך שפאניש, ווען די רעפובליקען פון דער לאטיינישער אמעריקא וועלען שטייגען אין באפעלקערונג און אינדוסטריע.

נעהמענדיג אבער אין אנבאטראכט בלויז די היינטיגע לאגע, ווי זי איז געווארען נאך דעם מיליטערישען זיעג איבער דייטשלאנד, בלייבען אויפ'ן שלאכטפעלד פון די וועלט-שפראכען בלויז ענגליש און פראנצויזיש. נאר ביידע קאנקורירען גאנץ שטארק פאר דעם ערשטען פלאץ.

ווי זאל עס בלייבען — ענגליש אדער פראנצויזיש אויף די קומענדע אסיפות פון דער ליעג אוו ניישאנס?

די דאזיגע פראגע איז שארף געשטעלט געווארען, זוען עס איז ארויס א קלאנג, אז די אמעריקאנער רעגירונג קלייבט זיך פארצושלאגען, דאס אויף דער קומענדער קאנפערענץ וועגען א פארקלענערונג פון באוואפנונגען אין וואשינגטאן, זאל מען בלויז געברויכען ענגליש. דאס איז געווען א פאלשער קלאנג, אבער אין פראנקרייך האט עס אנגעמאכט א גרויסען נערוועזער און ארויסגערופען הייסע פראטעסטען. די פראנצויזישע רעגירונג האט אויסדריקליך ערקלערט, אז אויב מען וועט געברויכען בלויז די ענגלישע שפראך, וועט זי גאר קיין שום אנטייל ניט נעהמען אין דער דאזיגער קאנפערענץ.

דערביי האבען די פראנצויזען געגען מען באוויזען, אז זייער שפראך מוז בלייבען די דיפלאמאטישע ניט בלויז צוליעב דער פארגאנגענהייט, ווייל אזוי איז עס שוין איינגעפיהרט געווארען אין פארלויף פון יאהרהונדערטע, נאר אויך דעריבער, ווייל מען לערנט איהר אין שולען און מען שטודירט אין דער וועלט פיעל מעהר, ווי אירגענד וועלכע אנדערע שפראכען. דערצו האט זי אזעלכע מעלות, אז אלע שפראכען קענער גיבען צו, דאס זי איז בעסער צוגעפאסט פאר דיפלאמאטיע. זי צייכענט זיך טאקע אויס מיט איהר קלארקייט און דייטליכקייט.

עס איז טאקע אמת, טענה'ן ווייטער די פראנצויזען, אז ענגליש ווערט טאקע היינט מעהר געשפראכען אין דער וועלט, ווי פראנצויזיש, אבער דאך איז עס א פאקט, אז אין די מייסטע לענדער פון אייראפא, ווי אויך אין נארד-אפריקא און אין וועסט-אזיען, אין דער געוועזענער טערקישער אימפעריע און אפילו אין עגיפטען גופא אונטער דער ענגלישער הערשאפט פארנעהמט פראנצויזיש אלץ דעם פלאץ פון א צווייטער שפראך.

די געבילדעטע מענשען פון אלע פעלקער שטודירען אויך היינט פיעל מעהר פראנצויזיש, איידער ענגליש. און וואס אנבאלאנגט די דיפלאמאטישע וועלט, קען מען זיך פשוט ניט טאן א ריהר אהן פראנצויזיש. דאס האט זיך ארויסגעוויזען אויף דעם פרידענס-קאנגרעס אין פאריז, און דאס ווייזט זיך ארויס אויף די זיצונגען פון דער „ליעג אוו ניישאנס". אלע פארטרעטער פון אלע קליינע נאציאנען אין דער אלטער וועלט, ווי אויך אין דער נייער וועלט, קענען פראנצויזיש, אבער זעהר ווענינע פון זיי פארשטעהען א רעדע אין ענגליש.

ווען איינער האלט דארטען א רעדע אין פראנצויזיש, דארף מען איהר דארום גאר ניט איבערזעצען אין ענגליש.

און ווען עס זאל קומען צו אן אפשטימונג אין דער „ליעג אוו ניישאנס", אויב מען זאל געברויכען בלויז ענגליש אדער פראנצויזיש, אום אויסצומיידען א פארלוסט פון צייט דורך איבערזעצונגען, וועט א גרויסע מאיאריטעט פון די דעלעגאטען געוויס שטימען פאר פראנצויזיש אלס די אלטע און אלגעמיין-אנערקענטע דיפלאמאטישע שפראך.

(יום כיפור-געדאנקען)

חנני, חעני...

פון דזש. העללער

פאר אלע ריפער מענער נאכצוזאגען

הנני, העני. אט שטעה איך פאר דיר גאט — דער זעלבער קבצן פון פאראיאהרען. צווישען דעם 10טען תשרי פון פארגאנגענעם יאהר ביז דעם 10טען תשרי פון היינטיגען יאהר. זיי וויסען, אל רחום וחנון, אז איך האב קיין זאך ניט צוגעקראגען, אויסער עטליכע „פאון טיקעטס" (אויב דו ווייסט דארטען אין הימעל וואס דאס איז אזוינס). יע, טאטעלע זיסער, איך בין אויף צרות געווען און ביי צרות געבליבען.

יעצט שטעה איך פאר דיר גאט, אזוי ווי א קינד שטעהט פאר א גוטען טאטען, אהן שרעק און אהן מורא און ניט אויף די קניע. איך בוק זיך פאר דיר ניט, איך קניע פאר דיר ניט און קיין טרעהר וועסטו ביי מיר היינט אויך ניט קריגען. ניין! פארשטעה קלאהר, אז דאס וואס איך זאג דיר יעצט, איז ניט אפיציעל. איך בין געקומען מיט דיר האבען א פריינדליכען געשפרעך, אהן צערעמאניעס אלס דיין איינען קינד זאג איך דיר: זיי וויסען, אז דו האסט לעצטענס אינגאנצען ארונטערגענומען דיין אויג פון דיין וועלט. דו פארנאכלעסיגסט אינגאנצען דיינע „ביזנעס".

איך פרעג דיר, וואס איז דאס פאר א סארט גערעכטיגקייט וואס דו טיילסט אויס אין דיין וועלט? איינעם גיסטו גאר, און איינעם גארניט. חיה יענטע די גראבע איז ביי דיר אויסגעפוצט אין פאר און אין פוטער און מיין ווייב, נעבאך, געהט אפגעריסען און אפגעשליסען. חייקעל אקס, משה דער איזוואשטשיק, בערעל קאבילע, — זיי האסטו אנגעשטאפט אלע קעשענעס. דו האסט געדארפט זעהען ווי זיי קאטאיען זיך דאס אויף אטא-מאבילקעלאך. און איך דארף געהן צופוס זוכען ארבייט אין צעריסענע שיך. איז דאס רעכט אזוי?

איך וויל דיר זאגען אט-וואס: האסטו דארטען גענוג עשירות אין הימעל פאר אונז אלע, פאר וואס גיסטע עס ניט גלייך ארונטער צו אלעמען? וואס, דו האסט אפשר מורא פאר א געלאף אויף דיין באנק, וואס דו מוזט האבען דארטען א זאפאס? קען דאך ניט זיין.

אלו, וואס-זשע רעדען, דו האסט ניט גענוג פאר אלע? היישעריקען האבען אויפגעגעסען די תבואה אויף דיינע פעלדער? איז דאך ווידער גוט. טייל איין דאס ביסעל וואס דו האסט צווישען אלע דיינע קינדער. ניט אזוי ווי דו טוסט איצט. נאר וואס, די שעהמסט זיך צו געבען פון דיין גרויסע האנד צו ביסלאך? קען מען זיך ווייטער געבען אן עצה. ווייסט דאך, אז מען וויל קאן מען אלעס. פיהר איין א נעקסט, ווי עס פיהרט זיך ביי אלע גוטע און פרומע לייט. היינט זאל איינער האבען, מארגען א צווייטער, איבערמארגען א דריטער, און איבער-איבערמארגען א פערטער, און אזוי ווייטער. גיב מיר עפעס אויך צו פארזיכען דעם טעם פון זיין דער „סינאק" פון א רייכען נאטבאר-טיושקע. ניט אריינשטאפען אלעס אין בערעל קאבילע און לאזען דיינע בעסטע קינדער, וואס האבען דיר אימער געפאלגט, קיינמאל דיין היילינען נאמען ניט געלעסטערט, צו פארגעהן פאר הונגער. גאט מייגער, וואס טוט זיך דארט מיט דיר!

פארשטעה קלאר, גאט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, אז איך בעט ביי דיר ניט צופיל. אז איך פארלאנג ניט פון דיר דו זאלסט מיר געבען דיין טעלערעל פון הימעל, אז איך ערווארטע ניט דו זאלסט מיר מאכען רייך און מעכטיג אויף דיין וועלט, אז איך וויל ניט דו זאלסט מיר געבען דינער און דינסטען, אויף וועמעס פרעצע איך זאל זיך ערנעהרען. מיין גאטעניו, איך וויל ניט און פארלאנג ניט אזעלכע זאכען. איך בין א געהארכזאמער זוהן דיינער. גלויב נאך אלץ אין דיין פסוק — בזעת אפיך תאכל לחם. פון מיין אייגענער פרעצע וויל איך מאכען א לעבען. איך פארלאנג פון דיר ניט מעהר, וויפיל דיין פרומע טאכטער האט פון דיר פארלאנגט לעצטען דינסטאג, ביים תשליך, לעבען דעם טייכעל אין פראספעקט פארק — פרנסה! פרנסה, גאטעניו, דאס וויל איך פון דיר, און צו דעם בין איך פאלקאם בארעכטיגט. גיב ארבייט, טאטע! „ראבאטי דאוושי!"

איך וויל ארבייט. איך וויל ניט פארלירען די מוסקולעס פון מיינע פינגער און לשרעניעס דורך ארבייטסלאזיגקייט. איך וויל ארבייטען און מאכען א לעבען פאר מיין פרוי און קינדערלאך. איך וויל א גאנצען דאך איבער זייערע קעפ, א ביסעל ליכט און ווארימקייט אין מיין היים, א גאנצען בגד און גאנצע שיך און א פאאר דאלאר צו האבען אויף א דאקטאר אין פאל איך ווער קראנק. איז דאס א סך?

און דו גיסט מיר אפילו דאס אויך ניט, און לאזט מיר פריהרען ווינטער אין די פרעסט, און לאזט מיר זיין דורשטיג זומער אין די היצען. און לאזט מיר הויל און נאקעט אין רעגען און אין שנעע. האלסט מיך ניט צו נוצען מיין לעבען אויף סקארינקעס. און האלסט מיך אין איין שרעק פאר'ן מארגען און די טריקענעס אויס דעם מארך פון מיינע גלידער דורך פארדרוס, זארגען, ליידען און שמערצען. זאג איך דיר, אז דו ביזט א שלעכטער גאט. דו האסט ניט קיין פונק פון רחמנות אין דיין גרויסען הארץ.

ס'טו נאר נעהערט! נאר דו האלסט מיך אין איין קארמענען מיט „סלעס".

א דעלענסי סטריט אונטערנעהמונג וואס וועט זיין די גרעסטע אין דער וועלט

א הויז וואס וועט קאסטען אנדערהאלבען מיליאן דאלאר, און וועט ציהען די אויפמערקזאמקייט פון גאנצען לאנד. באד, האטעל, געזונדהייטס אנשטאלט און נאציאנאלער אידישער צענטער אין א צעהן שטאקיגען הויז, וואס וועט פארנעמען די נומערן 20, 22, 24 און 26 דילענסי סטריט און 154, 156 און 158 קריסטיע סטריט.

זייט אריבער א יאהר האבען א גרופע אידישע געשעפטסלייט געהאט שטילע קאנפערענצען אויסגעלייגט געהיימע פלענער, ארויסגעשיקט אגענטען און „פילערס", און אנגעפיהרט א פלינקע סטראטעגיק, אום צו קענען אפקויפען געוויסע הייזער אין דעם איסט סייד פאר אן אונטערנעהמונג, וועלכע איז זייט א לענגערע צייט געפלאנט געווארען.

אום דורכצופיהרען דעם פלאן, האט מען געמוזט קריגען „פראפערטי" אין דער לעבעדיגסטער גאס פון דער איסט סייד, אין דעלענסי סטריט — דער אידישער טיימס סקווער.

די מענשען, וואס האבען געפלאנט די אונטערנעהמונג, האבען באשלאסען, אז אום זי זאל זיין אזוי ערפאלגרייך, ווי זיי ערווארטען, מוז מען קויפען דאס פלאץ דוקא אין דילענסי סטריט. דאס איז ניט געווען קיין לייכטע זאך. אין דילענסי סטריט, וואו א סטאר איז ווערט אזוי הויך ווי זעקס הונדערט דאלאר א פוס פראנט, שטעהען ניט קיין הייזער און ווארטען מען זאל זיי ארונטערווארפען. דערצו האבען די לייטע דוקא געוואלט א קארנער, און האבען געמוזט האבען זעקס הייזער נעבען אנאנדער.

עס פארשטעהט זיך, אז דאס איז ניט געווען קיין לייכטע אויפגאבע. זי איז געווען פיל שווערער, ווי מען האט זיך פארגעשטעלט. אבער קיין זאך, זעהט אויס, קאן זיך ניט שטעלען געגען מענשליכען ווילען. און אז מען האט ערנסט געוואלט, האט מען ענדליך געקראגען.

די צרה איז נאך דערצו געווען, וואס מען האט ניט געטארט אויסזאגען, אז מען וויל קויפען אזעלכע הייזער, ווייל מען וואלט ספעציעל געהעכערט די פרייזען, און עס וואלטען זיך אפשר געפונען ספעקולאנטען, וועלכע וואלטען פארלאפען פאראויס, אפגעקויפט די הייזער און נאכהער „געריסען א פאס". דערצו האט מען געמוזט האבען זעקס הייזער צוזאמען, און יעדעס הויז האט געמוזט באזונדער און שטילערהייט געקויפט ווערען. אבער עס איז געפיהרט געווארען אויסגעצייכנעטע ריעל עסטייט סטראטעגיק, און ענדליך זיינען אפגעקויפט געווארען די געפלאנטע 6 הייזער. אין די צייטונגען איז ניט לאנג צוריק באריכטעט געווארען, אז א פירמע, וואס רופט זיך „ליבבי'ס בעטהס אינק." האט אפגעקויפט די הייזער 20, 22, 24 און 26 דילענסי סטריט, און 154, 156, 158 קריסטיע סטריט.

עס האבען זיך באלד א לאז געטאן ריעל עסטייט לייט און סתם געשעפטסלייט, וואס זיינען פאראינטערעסירט אין גרויסע ניו יארקער אונטערנעמונגען, אויסצוגעפינען, וואס וועט דא ווערען. מען איז געוואהר געווארען, אז אלע דיזע הייזער, א פלאט פון 100 אויף דילענסי סטריט און 100 אויף קריסטיע סטריט, זיינען געקויפט געווארען א זעלטענע מציאה און אז דארט וועט אויפגעבויט ווערען א געוואלדיגע גרויסע געביידע.

אין אין די צייטונגען, אי אין פריוואט קרייזען, האט מען לעצטענס שטארק גענומען ריידען וועגען אט דער ריזיגער אונטערנעמונג. עס טראגען זיך ארום פארשיידענע השערות און ספעקולאציעס וועגען דעם. אזוי ווי די אונטערנעמונג איז א ריין אידישע און איז פון גרויס אינטערעס פאר אלע ניו יארקער אידען און אויך פאר די אידען פון גאנצען לאנד, האט זיך דער שרייבער פון די דאזיגע צייל ען ארויסגעלאזען מאכען א חקירה ודרישה. און, נאך די אויסקונפט, וואס ער האט געקראגען פון דירעקטע און פארלעסליכע קוועלען, איז ער אימשטאנד אלץ צו דערצעהלען גענוי.

די גרעסטע רוסיש טערקישע באד אין דער וועלט.

אויפ'ן קארנער דילענסי און קריסטיע סטריטס, דארט, וואו עס שטעהען איצט די איבען אויסגערעכענטע הייזער, וועט אין קורצען אויפגעבויט ווערען א הויז אדער א פאלאץ פון זעקס שטאק, בייסמענט און סאבבייסמענט. עס וועט הייסען: „ליבבי'ס בעטהס" און וועט זיין די גרעסטע און שעהנסטע באד אין דער וועלט.

די באד וועט זיין די גרעסטע אין דער וועלט, ניט נאר אין דעם זין פון א הויכע געביידע, ארער ווייל זי וועט פארנעהמען א סך פלאץ, אויך ניט בלויז דערפאר, ווייל זי וועט „אקאמאדייטען" צוויי טויזענט מענשען אין דערזעלבער צייט, — זי וועט זיין די גרעסטע אויך דערפאר, ווייל זי וועט זיין דאס לעצטע ווארט אין דעם פאך פון בעדער. אלץ וואס אירגענד וועלכע באד האט און אלץ וואס מען האט געקאנט טרוימען, אז א באד דארף האבען, וועט דארט זיין.

אויף אזוי ווייט, ווי דער פלאן איז שוין ביז איצט אויסגעארבייט געווארען, וועלען זיך דארט געפינען פאלגענדע דעפארטמענטס:

א טערקישע באד מיט אלע נייעסטע איינריכטונגען; א רוסישע באד נאך דעם אלטען אידישען באגריף, נאר אויף א מאדערנעם היגיעניש ען אופן; א „סווימינג פול" וואס וועט פארנעמען 35 ביי 90 פוס, און וועט זיין דער גרעסטער, וואס אירגענד וועלכע באד אין דער וועלט האט. און א לייף־סייווער וואס וועט דארט זיין; א דזשימנייזיום פאר קערפער באוועגונג; א הונדערט ביי הונדערט דארמעטאריע; פריוואטע רוהצימערען; א בארבער־שאפ; א מאניקיורינג פארלאר; א שניידער; אן אייגענע לאנדרי; א סיגאר און פייפער סטענד; א ביליארד פארלאר; א בוט־בלעק פארלאר און א לייברערי. און די רוה און שלאף־צימערען וועלען געבויט ווערען אזוי, אז דער מענש אינעווייניג זאל אויף דאס מינדעסטע ניט געשטערט ווערען פון דעם ליארם אין דרויסען אדער פון דער מינדעסטער אומרוהיגקייט אין דער געביידע.

א גרויסער געזונדהייטס אנשטאלט.

אויסער א טערקישע און רוסישע באד, וואס מענשען דארפען אזוי נויטיג האבען פאר דעם געזונט, וועט „ליבבי'ס בעטהס" אויך זיין א ספעציעלער געזונדהייטס־אנשטאלט.

פארשידענע קראנקהייטען דארפען קורירט ווערען דורך פארשיידענע סארטען בעדער, צו וועלכע דאקטוירים און פראפעסארען שיקען זייערע פאציענטען. זעהר אפט פאהרען מענשען הונדערטער אדער טויזענטער מיילען אום צו קריגען אזעלכע בעדער, און פיל אפטער שטארבען מענשען פאר דער צייט, ווייל זיי האבען ניט די צייט און ניט די מעגליכקייט אוועקצופאהרען נעהמען בעדער. אלע די דאזיגע סארטען קור־בעדער וועלען איצט זיין אין „ליבבי'ס בעטהס" אויף ספעציעלע פלאָרס.

דארט וועלען זיין סאלפער בעדער, בלאטע בעדער און פיל אנדערע בעדער, וועלכע קורירען רומאטיזם. עס וועלען דארט זיין היידראפאטיק בעדער, עלעקטריק ליכט־בעדער, נאוהיים בעדער, קנייפ בעדער און לופט־און זונען־בעדער. אויסער דעם וועלען דארט זיין קיראפראקטארס און דאקטוירים צו אונטערזוכען פאציענטען, וואס קומען אהין, און זיי צו באהאנדלען אין דער צייט פון דער קיור.

האטעל און נאציאנאלער אידישער צענטער.

צוויי פלאָרס אין דער צעהן־שטאקיגער געביידע וועלען איינגענומען אפגעגעבען ווערען פאר א האטעל פאר אידען פון גאנץ אמעריקא, וועלכע באזוכען ניו יארק, און פאר ניו יארקער אידען וועמעס אינטערעסען פאדערען אפט צו פארבלייבען אין־דער איסט־סייד איבער נאכט.

די האטעל פלאָרס וועלען זיין איינגעריכטעט נאך דיזים פון א מאדערנעם האטעל, נאר מיט דעם צוגאב, וואס דער גאסט וועם אין דערזעלבער צייט זיך קאנען באנוצען מיט די בעדער, ניט דארפענדיג באצאהלען דערפאר.

אזא האטעל איז דא זעהר נויטווענדיג. ניו יארק, די גרעסטע אידישע שטאדט אין דער וועלט, די שטאדט, וועלכע ווערט טעגליך באזוכט פון טויזענטער אידען פון גאנצען לאנד, האט ניט קיין איין אידישען האטעל, וואו א איד זאל זיך קאנען פיהלען היימיש, וואו ער זאל לעבען אין א אידישער אטמאספערע. „ליבבי'ס בעטהס" וועט זיין אט דיזער לאנג געווינשטער אידישער האטעל.

און עס וועט זיין מעהר ווי א האטעל, עס וועט זיין א מין אלגעמיינער, נאציאנאלער אידישער צענטער. יעדער, וואס קומט קיין ניו יארק וועט קאנען אנווייזען זיין פאסט צו „ליבבי'ס בעטהס", וואו עס וועט צו דיזען צוועק געפיהרט ווערען א רעגולאר אפטיילונג. דארט וועט זיין א גרויסער רעסטאראנט, און ספעציעלע צימערען פאר אפאינטמענטס און קאנפערענצען פון פריינד און געשעפטסלייט. און עס וועט הערשען אן אמת־אידישע אטמאספערע.

ווי געזאגט, די באד וועט זיך געפינען אין דילענסי־, קארנער קריסטיע סטריט. דאס איז א גרויסע מעלה ניט נאר דערפאר ווייל דעלענסי סטריט איז דער צענטער פון אידישען לעבען, נאר אויך ווייל די טראפיק־פארבינדונג איז אזא באקוועמע צו און פון אלע אידישע קווארטאלען און געגענדען פון גרויס ניו יארק.

פון אלע טיילען פון דער איסט סייד איז דאך, זעלבסטפארשטענדליך, באקוועם צו קומען אהין. פון ברוקלין, בראנזוויל, בעטה ביעטש, בענזענהורסט, בארא פארק און וויליאמסבורג, וואו עס וואוינען אפשר דריי־פערטעל מיליאן אידען, קומט מען גלייך אריין אין דילענסי סטריט מיט די קארס און עלעוויי טערס, וועלכע שטעלען זיך אפ ביי דער בויערי סטיישאן, וואו דער ארויסגאנג איז נעגענאיבער „ליבבי'ס בעטהס" בילדינג, דילענסי און קריסטיע. דער דריטער עוועניו עלעוויטעד ברייגנט צו מענשען פון הארלעם און בראנקס, און די סאבוויי סטיישאנס, וועלכע זיינען אזוי נאהענט, וועלען פארבינדען „ליבבי'ס בעטהס" מיט די אידען פון אלע טיילען פון גרויס־ניו יארק און דזשוירזי, און אויך מיט אידען פון אויסער ניו יארק, וועלכע טוען געוועהנליך זייערע געשעפטען דאון־טאון אדער אין די אנדערע געשעפטס־קווארטאלען.

הונדערט טויזענט דאלאר פאר אדווערטייזמענטס.

אזוי ווי „ליבבים בעטהס" וועט זיין די גרעסטע אונטערנעמונג פון דיזען סארט אין דער וועלט, האבען די אונטערנעהמער, וועלכע זיינען געשעפטסלייט אין דעם מאדערנסטען זין פון ווארט, באשטימט אנצופיהרען א ריזיגען אדווערטייזינג קאמפיין אין דער אידישער פרעסע פון גאנצען לאנד, און אויף פילע אנדערע אופנים.

שוין זינט א לענגערע צייט מערקט מען אויף די ווענט און דעכער פון די וויכטיגסטע פלעצער אין ניו יארק גרויסע, שעהנע און ארטיסטישע אויפשריפטען, אנזאגענדיג, אז „עס קומט ליבבי'ס בעטהס". דאס אליין איז אויך עטוואס נייעס. מען איז ניט געוואוינט צו זעהן, אז מענשען זאלען אויסגעבען גרויסע סומען, אדווערטייזענדיג עטוואס וואס זיי האבען נאך דערוויל ניט צו פארקויפען, ווייל עס וועט נאך נעמען א צייט ביז די באד וועט אויפגעבויט ווערען. אבער די אונטערנעמער פון „ליבבי'ס בעטהס", אינק." פארשטעהען בעסער ביזנעס. זיי זיינען ענטשלאסען אנצופיהרען אזא מעכטיגע אדווערטייזינג קאמפיין, דאס ביז די באד וועט דארפען ערעפענט ווערען, וועט וועגען דעם וויסען יעדעס אידיש קינד אין אמעריקא, און עס וועט אנהויבען ביזנעס אלס ריזיגען ערפאלג. עס הייסט, אז די לייטע האבען באשלאסען אויסצוגעבען ביי הונדערט טויזענט דאלאר פאר אן אויסשליסליכען אידישען קאמפיין ביז דער ערעפנונג פון דער באד.

די הויפט־אונטערנעמער פון „ליבבים בעטהס" זיינען די הערען: מאקס בערנשטיין, פרעזידענט; מאקס סעלצער, טרעזשורער; הערי גארדאן, וויס־פרעזידענט; בענדזשאמין בערנשטיין, סעקרעטער און אלעקסאנדער א. סאלאפ און סעמועל געלים, דירעקטארען. עס זיינען דיזעלבע הערען, צו וועלכע עס באלאנגען די צוויי בארימטע רעסטאראנטס, „טרעימאר" און „ליבבי'ס קאפעי", אין 122 און 126 דילענסי סטריט. זיי זיינען געווען די ערשטע צו געבען דילענסי סטריט אזעלכע מאדערנע רעסטאראנטס, און איצט וועלען זיי געבען דילענסי סטריט די גרעסטע באד אין דער וועלט.

אזוי שנעל ווי עס איז באקאנט געווארען דער פלאן פון דער אונטערנעמונג, זיינען די אונטערנעמער פון אלע זייטען באגריסט און גראטולירט געווארען. אלע באהויפטען, אז אזא אונטערנעמונג איז שוין לאנג נויטיג געווען, און מאנכע באהויפטען, אז דיזע באד וועט געוואלדיג „אויפבומען" דילענסי סטריט, ווייל מען וועט קומען אהער פון אלע טיילען פון שטאדט און לאנד.

אין איינער פון די געקויפטע הייזער, אין דעם סטאר פון 24 דעלענסי סטריט, האט „ליבבי'ס בעטהס אינק." דיזע וואך ערעפענט איהר פארלויפיגען אפיס.

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר :: און די לעזער ::

צו דעם, וואס האט מורא אונטערצושרייבען זיין נאמען. — איהר האט געקאנט און באדארפט אנגעבען אייער נאמען פאר אונז און פארלאנגען, אז מיר זאלען אייער נאמען נים ארויסגעבען, און מיר וואלטען זיכער אייך נים פאררעטען, חלילה. איהר האט אויך געמעגט געהן צו ברודער פיינבערג, מענעדזשער פון דזשוינט באארד, און דאס איהם דערצעהלען, און מיר זיינען זיכער, אז עס וואלט אייך נים געשאדט. מיר קענען ברודער פיינבערג, און מיר זיינען זיכער, אז ער וואלט אייך געשיצט געגען אלע, ווער זיי זאלען נים זיין, אויב ער וואלט געפונען אייער אנקלאגע געגען די צוויי פאר א גערעכטע און גוטבאגריגדעטע. דאסזעלבע וואלט געווען ווען איהר ווענדעט זיך צום מענעדזשער פון לאקאל 1 אדער צו דער עקזעקוטיווע. שרייבט איהר דאך אליין, אז איהר זייט נים פון די, וועלכע האלטען יעדען יוניאן־בעאמטען פאר א גנב, און דאס איהר האט ליב אייער יוניאן. טו ווארום נים האנדלען מוטיג און קאנזעקווענט? אייער אנקלאגע איז א זעהר ערנסטע. אויב עס איז אזוי ווי איהר שרייבט, איז דאס א מיאוס'ע גרעפט־געשיכטע. מיר קענען עס אבער קוים גלויבען, אז א גאנצער שאפ ארבייטער זאל זיך פיהלען אזוי נידערגעשלאגען און דאס דערלאזען. מיר וועלען אייער בריף איבערגעבען צו ברודער פיינבערג, און מיר פארזיכערען אייך, אז עס וועט געמאכט ווערען די שטרענגסטע אונטערזוכונג אין דעם פרט פון דיזער אנקלאגע, ווי אויך איבער דעם, ווי די ארבייט ווערט געמאכט אין אייער שאפ. מיר פארזיכערען אייך, אז די יוניאן וועט טאן אלעס, אום צו אויסגעפינען און באשטראפען די בויאנס און די גרעפטערס, פון וועלכע איהר רעדט, אויב זי וועט אזעלכע געפינען. מיר וועלען אייך קירצליך לאזען וויסען וועגען דעם רעזולטאט.

בן נון. — איהר האט פארפעהלט צו לייענען אין די שמועסען אונזער צווייטען ענטפער צו אייך נאכדעם, ווי מיר האבען געקראגען די נויטיגע אינפארמיישאן פון א מענשען, אויף וועמעס ווארט מיר קענען זיך פארלאזען. זייט אזוי גוט און זוכט אויס דעם נומער „גערעכטיגקייט", אין וועלכען דער ענטפער איז געדרוקט געווארען.

א. קאלטאפי. — אייער בריף וועט פארעפענטליכט ווערען. מיר ווייסען נים, עס קען זיין, אז אייער טענה איז א בארעכטיגטע, דאן איז דאך געוויס נים מעהר ווי רעכט, אז זי זאל געפינען א שטיקעל פלאץ אין דער „גערעכטיגקייט". עס קען אבער אויך זיין, אז איהר זייט אונגערעכט, דאן, נאטירליך, וועט ברודער ס. לעפקאוויטש האבען די מעגליכקייט צו ערקלערען. אייער בריף געפעלט אונז, ווייל ער איז געשריבען אין א רוהיגען טאן, און עס זעהט נים אויס, אז איהר זאלט זיין אייגער פון די, וואס האבען ליב צו דראפען זיך אויף די גלייכע ווענט.

מ. מענדעלאוויץ. — מיר זיינען מיט פילעס אין אייער בריף נים איינפארשטאנען. דער פלאן, אז דאס געלד, וואס איז געקליבען געווארען פאר איין צוועק, זאל פארנוצט ווערען פאר אן אנדער צוועק, איז זעהר נים קיין דורכגעטראכטער. דער דזשוינט באארד קען נים און טאר נים אזוי האנדלען. ווידער, וואס אנבאטרעפט די טיילונג פון דער ארבייט אין די שעפער, גלויבען מיר, אז די יוניאן טוט איהר מעגליכסטעס. יעדענפאלס דארפען אזעלכע פארשלעגע, ווי איהר מאכט אין אייער בריף, דיסקוטירט ווערען אין די מיטינגען פון אייער לאקאל. האט איהר דאס שוין פרובירט פארצוברענגען און עס איז אייך נים געלונגען? אדער געהט איהר גאר קיינמאל צו קיין מיטינג נים?

י. דייווידסאן.—ווען מיר דרוקען אייער בריף, וואלטען מיר געווען געצוואונגען צו טאן דאס, וואס איהר אליין זאגט אין זיין אנפאנג, וואלט געווען שעדליך פאר די יוניאן. דארום איז טאקי געווען גארנים ווערגען דעם, אויסער די מיטטיילונג פון דעם פאקט, וואס דאס האבען מיר געמוזט טאן. און דאס, וואס איהר לייענט אין זייערע ציי־טונגען און גלויבט זיי אזוי שטארק, איז, לוים אונזער מיינונג, זעהר נים פארזיכטיג. צי זיי מיינען עס, צי נים, אבער עס איז פאר אונז קלאר, אז מיט אזא האנדלונג קענען זיי נאר שעדיגען אונזערע יוניאנס. אונזערע יוניאנס מוזען זיך אליין קענען העלפען, אהן די ארייננמישונג פון פארשידענע וועלט־באגליקער. געוויס זיינען מיר שטאל־און־אייזען פאר די ווייט־געהענדסטע מיינונגס־פרייהייט אין די יוניאנס, אבער טאקי דערפאר זיינען מיר געגען די א ר ו י פ צ ו ו י נ ג ו נ ג אויף די יוניאנס פון געוויסע טעאריעס, בויך־סברות און האנדלונגען, געגען וועלכע די מאיאריטעט איז פאזיטיוו פיינדליך. צו צווינגען א יוניאן אנצונעהמען א קאמוניסטישע פראגראם, ווען איהרע מעהרסטע מיטגלידער ווייסען גארנים, וואס דאס איז פאר א בעשעפעניש, אט דער דאזיגער קאמוניזם, איז נאריש און פארברעכעריש, ווייל דאס מוז פיהרען צו א צושפאלטונג פון די יוניאן־כוחות, און פאלגליך, צו דעם פארלוסט פון אלעס, וואס די יוניאן האט דורך פילע יאהרען פון קאמף מיט פאראייניגטע כוחות געוואונען. לייענט איבער, זייט אזוי גוט, דעם בריף פון פאריז, וואס מיר האבען פארעפענטליכט אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט". זעהט, וואס פאר א חורבן די דאזיגע טאקטיק האט אנגעמאכט. וואלט איהר געוואלט זעהן אונזערע יוניאנס אזוי מאכט־לאז, אזוי צופיצעלט אויף שטיק־שטיקלאך? מאלע וואס זיי זאגען, אז זיי מיינען צו בויען! זייער ה א נ ד ל ו נ ג איז אבער א צושטערענדע. איבערהויפט האבען דיזע מענשען מיט גארנים ארויסגעוויזען, אז זיי זיינען פ ע ה י ג אויפצובויען עפעס.

מ. האכמאן. — מיר פארעפענטליכען אייער בריף, און אויף אייער פארלאנג ערקלערען מיר, אז מיר זיינען פאלשטענדיג איינפארשטאנען מיט אייך. מיר מוזען אבער זאגען, אז נים אלץ, וואס איז גוט און שעהן, איז אזוי לייכט אויסצופיהרען. די דורכשניטליכע מענשליכע נאטור איז א גרויסע שטערונג אין דעם. בדי איהר גובר צו זיין, קען נים און טאר נים אנגעווענדעט ווערען קיין געוואלד; מיט געוואלד קען מען נים מאכען די מענשען נים בעסער און נים קליגער. וואס עס איז נויטיג, איז אונערמידליכע אויפקלערונג. וואס אנבאטרעפט די אויסטיטשונג פון ברודער בארקין, קענען מיר נים זאגען, אז ער האט געהאנדעלט שלעכט. עס קען זיין, אז ער האט געהאנדעלט גאנץ פראקטיש, ווייל וואלט ער עס אויסגעטיטשט, ווי איהר ווילט, וואלטען די ארבייטער איהם געוויס נים געפאלגט, און מיט געוואלט קען די יוניאן נים ארויפצווינגען די מעטאדע פון קאמפראמיישאן, ווי איהר פארלאנגט עס.

ס. ה—ן. — עס איז דא ביי אונז, און אזוי שנעל, ווי מיר וועלען האבען א מינוט צייט, וועלען מיר עס אויפזוכען און אייך אפשיקען. קיין סטעמפס פאר דעם דארפט איהר נים צושיקען. וואס אנבאטרעפט אייער נים־איינפארשטאנען זיין מיט דעם ענטפער, איז עס נים קיין גרויסע איבערראשונג פאר אונז, אזוי איז שוין דער מענש...

מ. ק—סקי. — גים אונז אביסעל צייט צו פארעפענטליכען דאס, וואס מיר האבען צוגעזאגט. דאן, אויב איהר ווילט, קענט איהר אונז ווייטער עפעס צושיקען.

מ. קראוועץ. — זעהט אונזער ענטפער צו מר. האכמאן. אמת, אייער אנגעלעגענהייט איז אביסעל אן אנדערע, אבער דער קוואל פון דעם איז דערזעלבער: דער שמאל־קעפיגער און ענגהערציגער עגאאיזם, געגען וועלכען דער ביזנעס־איידזשענט וואלט מיט זיין בעסטען ווילען געקעמפט אומזיסט. אייער בריף וועט פארעפענטליכט ווערען, אבער נים אין גאנצען, ווייל די שולד איז נים אין דעם איינצעלנעם מענשען, ווי איהר מיינט עס.

א. ר. — מיר מאכען נים אזעלכע ביזנעס.

טעלעפאן גרעמערסי 2441

די לעאנארד פרעס

42 איסט 23טע סט., ניו יארק

הארלעם סאציאליסטישער עדוקיישאנאל סענטער

62 איסט 106טע סטריט,

צווישען פארק און מעדיסאן עוו.

צו פארדינגען א גרויסען האל

קאן אריינגעמען 600 מענשען

פאר קאנצערטען, בעלער, פארזאמלונגען, חתונות און אז. וו.

אויך אפיסעס און מיטינג רומס.

אפען יעדען טאג ביז שפעט ביינאכט.

טעלעפאן: הארלעם 9020.

מיר גיבען גערעכטיגקייט

צו די וואס ווילען לערנען

דעזיינינג, פעטערן־מייקינג און גריידינג

פון פרויען, מיסעס, דזשוניארס, טשילדרענס און אינפאנטס גארמענטס.

זעהט דעם

הויפט קאלעדזש פאר דעזיינינג פעטערן מייקינג

פראפ. י. ראזענפעלד,

דירעקטאר.

222 איסט 14טע סטריט, ניו יארק.

קויפט אויסשליסליך

קאלאמביא מהעע

צוועסאמסני משאי

זוהיים לילי מהעע



אייערע קינדער'ס אויגען

האבען אייערע קינדער שוועריגקייט אין לערנען? געפינען זיי זייערע לעקציעס צו שווער? איז זייער זכרון שארף אדער שוואך?

אין פילע פעלע איז דאס דער רעזולטאט פון שוואכע, אנגעשטרענגטע אויגען און א פאר גוט צוגעפאסטע ברילען העלפען זיי אויך בעפרייען פון זייערע שוועריגקייט און העלפען זיי אין זייער לערנען.

זעהט זיך מיט דר. בעקער'ן אין איינע פון זיינע 5 אפטיקעל אפיסעס און א עקזאמינאציאן וועט באשטימען דעם צושטאנד פון זייערע אויגען.

5 בראנטשעס אין גרייטער ניו יארק

Dr. Barnett L. Becker

אפטאמעטריסט און אפטישען

215 איסט בראדוויי	895 פראספעקט עוו.
102 לענאקס עוועניו	1709 פיטקין עוועניו

262 איסט פארדהעם ראוד, בראנקס

DR. BARNETT L. BECKER

קלאוק פינישערס יוניאן לאקאל 9

אויפמערקזאם!

רעגעלע סעקשאן מיטינגען

וועלען אפגעהאלטען ווערען

מיטוואך, דעם 19טען אקטאבער

אין פאלגענדע האלס:

דאון טאון:
אין קלינטאן האלל, 151 קלינטאן סטריט, רום 52.

הארלעם:
א. ר. בילדינג, 143 איסט 103טע סטריט.

בראנקס:
לאנגוואן קאסינא, 3875 דריטע עוועניו.

לידים ברענטש: —
דער לידים ברענטש וועט מיטען דאנערשטאג, דעם 20טען אקטאבער, אין אפיס בילדינג, 225 צווייטע עוועניו.

בראנזווילער ברענטש: —
וועט מיטען שבת, דעם 15טען אקטאבער, אין בראנזווילער לייבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סטריט.

די מיטינגען זיינען זעהר וויכטיג און איהר זיינט אויפגעפאדערט זיי צו באזוכען.

עקזעקוטיווע באארד לאקאל 9

איזידאר סארקין, מענעדזשער.

קאנטריבוציעס פאר רוסלאנד פון די ארבייטער אין די וועיסט און דרעס שעפער.

(שלוס פון זייט 3).

י. אלשטיין — — — — — —	8.35
א. פלאוניק — — — — — —	6.65
ת. הערמאן — — — — —	5.85
דזש. לייבאוויץ — — — — —	7.50
ר. שערמאן — — — — —	5.35
ל. בלאקמאן — — — —	4.15
ה. דייוויס — — — — — —	6.70
ב. קאהען — — — — —	4.65
ר. רובין — — — — — —	4.15
מ. שאפירא — — — — —	4.50
ס. פלאוניק — — — — — —	3.65
ג. פינקעלשטיין — — — — —	3.65
טאטאל — — — — —	$5069.81

מ. ק. מאקאוו, סעק.-טרעזשורער.

ג. ב.—די לאקאלס, ווי אויך די דזשאינט באארד אפיסערס און סטאף דאנקען ביינגער שטייערס זייערע ווידזשעס פאר 3 גאנצע טאג, און ברודער ל. אנטאניני — פאר צוויי טעג.

מיטגלידער פון לאקאל 123!

אונזער אפיס האט צוריק גע־מופט אין אונזער אלטער היים, אין 231 איסט 14טע סטריט. אלע ביז־נעס פון דעם לאקאל ווע־ען איצט אטענדעט אין דעם אפיס.

ליביט זאלב
אין ליביט זייף מאכט
שעהן, ריין, געזונד

ליביט זאלב נומער 1. — נעהמט ארונ־טער ווסע שפרינקלער, לישאיס, פלעקען, פימפעלס, א. ז. וו. די געזיכט ווערט שעהן, ריין און יונג. פרייז 50 סענט. ליביט זאלב נומער 2. — היילט בייסונגען, אויסשלאגען, ענטצינדונגען, עקזימא, טיקעטיס, הויטקראנקהייטען. פרייז 50ס. ליביט זייף — איז די רייניגסטע זייף. עס באהיט פון אלע הויט־קראנקהייטען, גוט פאר גרויס און קליין. פרייז 15 סענט. אויב אייער אפטייקער האט עס ניט, רופט קי:ג איהר עס בעקומען אין די אפטייקען 165 סטענטאן סט. 36 עלען סט. און 252 ריווינגטאן סט. אויך פער פאסט. שיקט דעם פרייז אין סטעמפס אדער מאני ארדערס.

LIBIT CHEMICAL COMPANY,
165 Stanton St. New York.

ווייסט און דרעס מאכער אויפמערקזאם

נעמענדיג אין אנבאטראכט דעם צושטאנד אין דער אינדוסטריע, די אלגעמיינע ארבייטסלא־זיגקייט און דעם שטילשטאנד אין די שעפער, האט דער דזשאינט באארד באשלאסען, דאס דיזען יאר זאל קיינעם אין די שעפער ניט ערלויבט זיין צו ארבייטען

שבת נאכמיטאג אדער זונטאג

צוליב די יום טובים.

מיר וועלען אבער זיין צופרידען צו שיקען אין די שעפער עקסטרא ארבייטער אויף ארויסצוהעל־פען, צו העלפען פארטיג מאכען די נויטיגע אר־בייט.

דער באשלוס וועט שטרענג דורכגעפירט ווע־רען און די וואס וועלען ניט אויספאלגען וועלען פון דער יוניאן באשטראפט ווערען.

דזש. באארד ווייסט און דרעס מאכער יוניאן

דזש. האלפערין, דזשענ. מענעדזשער. מ. ק. מאקאוו, סעקרעטער.

קלאוק פינישערס יוניאן, לאקאל 9

אויפמערקזאם!

מיר פאדערען אויף אלע מעמבערס וועלכע האבען לעצטענס געמופט פון זייערע וואוינונגען אדער דורך אנדער אורזאכע געביטען זייער אדרעס, גלייך צו לאזען וויסען אייער נייעם אדרעס אין אונזער אפיס פון לאקאל.

עס איז זעהר וויכטיג און נויטיג.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 9

אזידאר מארקין, מענעדזשער.

לײדיס טײלארס, סעמפעל מאכער און אלטע־רײשאן װארקערס יוניאן לאקאל 3

א ד ז ש א י נ ט

מעמבער מיטינג

פון אלע ברענטשעס פון אונזער לאקאל וועט אפגעהאלטען ווערען

דינסטאג, 18טען אקטאבער, 8 אוהר אווענט

אין לארעל גארדען, 175 איסט 116טען סטריט.

ברודער לודזשי אנטאניני, מענעדזשער פון לאקאל 89, וועט ביי דעם מיטינג לעקטשורען איבער דער פראגע: „ווארום איך האב געשטימט קע־גען גאמפערס".

וויכטיגע פראגען פון לאקאל 3 וועלען אויף דעם מיטינג אויפגענער־מען ווערען.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 3

סעמועל לעפקאוויטש, מענעדזשער.

רעזיינערס פאר פרויען קליידער ווערען זעהר פיעל פארלאנגט!

לייכט צו לערנען און פיעל געלט צו פארדינען!

הונדערטע לייטע האבען שוין אויס־געלערנט אונזער מעטאדע און יעצט פארדינען זיי פיעל געלט.

נעהמט איצט א קורס

— אין די —

מיטשעל סקול

אין דעזיינינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער. א קורס אין מיטשעל סקול מיינט א באל־דיגע פאזישאן און גרויסע געהאלט.

די מיטשעל סקול אוו גארמענט דעזייענינג, פעטערן מייקינג, גריי־דינג און פיטינג פאר פרויען קליי־דער. עטאבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

נייע אידעען. נייע סיסטעמען. בעסטע מעטאדען. בעסטע רעזולטאטען. פריוואט אונטעררכט אין אידיש. טאג און אווענט קלאסען. גוטע באדינגונגען.

שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט, דעמאנסטריישאן און פולע אינפארמאציע.

אווענט קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.

MITCHELL DESIGNING SCHOOL

912-920 BROADWAY (Cor. 21st St.), NEW YORK
Phone: Stuyvesant 8383
Boston Branch: 453 Washington Street, Dexter Building.



$1.50 $2.50

דר. ס. מערמילשטיין, 392 גרענד סט.

דעזײנינג און סקעטשינג

א וואונדערבארע פראפעסיע!!!

פארלירט ניט די געלעגענהייט — פאנגט אן גלייך.

איהר קאנט ווערען א פעטערן מאכער און א גארמענט סקעטשער אין דריי מאנאטען אדער אין נאך וויינינער. מען דארף ניט האבען קיין עקסטרא טאלאנט אויסצולערנען זיך דעם „מאדערן סיסטעם" פון פעטערן־מייקינג, גריידינג, דראפּ־טינג, גארמענט סקעטשינג, פיטינג און דרייפינג פון ליידיס, מיסעס און טשיל־דרענס קלאוקס, סוטס און דרעסעס.

פריוואטע לעסאנס פון פראקטישע עקספערטען—מעסיגע פרייזען.

קומט אירגענד וועלכען אווענד פון 7 ביז 9. שבת נאכמיטאג, פון 2 ביז 4.

די מאדערן פעשאן אקאדעמי.

114 וועסט 14טע סט., רום 701. אנטקעגען דעם בעלאסקא טעאטער.

פאזנער	3.00
פייערשטיינג	3.00
בלעיפער	3.00
קאפפער	3.00
גרונט	3.00
ספירא	3.00
מ. בלעיפער	3.00

ראזענבערג	3.00
פעקמאן	3.00
קאהען	3.00
רובין	3.00
העלערמאן	3.00
ראשעל	3.00
קריסקימעל	2.00

רובין	3.00
גרינבערג	2.00
ווייסבערג	3.00
ס. בעיפערט	3.00
ב. דעיפערט	3.00
פאטעם	2.00

(ווייטערע קוויטירונגען קומט.)

Happiness For Every Home

— קויפט אייער וויקטראלא דירעקט פון —

סאול בוירנס

גרויסארטיגע, שעהנע אינסטרומענטען, וועלכע גיבען ארויס א קלארען טאן, פיינע ארבייט, אויסגעשטאטעט מיט די לעצטע פאטענטירטע אויסבעסערונגען. פאר דעם פרייז פון $100 איז עס א זעלטענע מציאה. נאך מעהר איז עס דורך אונזער ספעציעלען אפפער.

— א ספעשעל אפפער יעצט —



סאנארא פאטהע
בלויז
$5
מאנאטליך

עכטע וויקטראלא אין פיריאד קעבינעטס, אויף דיזען סייל בלויז $100
מיט $10 רעקארדס, צוזאמען $110

וויקטראלא, גראפאנאלא
בלויז
$5
מאנאטליך

אהנע אינצאהלען

——אנדערע סטיילס פון $25 ביז $1,250——

א סייל פון פיאנאס און פלייער פיאנאס וואס טויזענדע האבען פערלאנגט, מיט א פרייז וואס גיט א מעגליכקייט יעדען צו בעזיצען א מוזיקאלישען אינסטרומענט.

דיזע פראכטפאלע נייע
פלייער-פיאנא
$495
בלויז 3 דאלאר א וואך

דא האט איהר אן אויסערגעוועהנליכע געלעגענהייט

א משענס צו קויפען א פיאנא פון קוואליטי און סירוויס צו א גרויסער שפארונג פאר אייך!

דיזע פיאנאס, וואס שטעלען מיט זיך פאר די פיינסטע אינסטרומענטס וואס זיינען ווען געמאכט געווארען, סיי אין טאן, סיי אין קעבינעט — זיינען ספעציעל רעדוצירט געווארען, און דער פאקט, וואס זיי ווערען פערקויפט אין סאול בוירנס סטארס גיט זיי א דאפעלטע גאראנטי — פון דעם מעיקער און פון סאול בוירנס.

און אום צו מאכען מעגליך פאר כמעט יעדע פאמיליע צו פערמאגען א פיאנא אויף פסח, וועלען מיר געבען די ליבעראלסטע בעדינגונגען.



דיזע נייע אפרייט
פיאנא
$275
בלויז 2 דאלאר א וואך

מיר טרויען אייך. קיינע גאראנטיעס און קיינע רעפערענס איז נויטיג
אונזערע סטארס זיינען אפען יעדען אבענד ביז 10 און זונטאג ביז 6 אוהר.

SAUL BIRNS

STORES OF SATISFACTION

BRONX	WASH. HEIGHTS	BROOKLYN	DOWN TOWN
813 וועסטשעסטער	806 וו. 181טע סט.	1730 פיטקין עוו.	111 סעקאנד עוו.

קוויטירונגען פון די קלאוק שעפער פאר דעם האלבען טאג ארבייט פאר סאוועט־רוסלאנד

(פארטזעצונג פון זייט 6).

ז. גארבין	6.00
א. פעירנאט	7.35
א. קאנטאר	5.45
ס. גראזמאן	6.90
מ. שניידער	6.35
א. דייוויס	6.45
מ. גאלדבערג	5.80
מ. רעגען	6.45
ס. גאלדבערג	6.00
ז. שרייבק	5.90
א. אלטשולער	5.45
ס. קראוועין	6.20
ז. טייזלער	6.90
ד. הירשקעוויטש	5.65
ל. אייזענמאן	6.00
א. בוירלבערג	6.90
ז. פערזאוווסקי	7.80
ח. ראזענבערג	6.90
א. ראזענבערג	6.90
	$380.50

פון מאט קושין און קא., דורך דעם שאפ טשערמאן מייער ארבאוויטש	655.00
לואיס ריטצער, דורכ'ן שאפ טשערמאן סעמועל סילווער	62.76
נ. אמעריקאן קלאוק קא., דורך דעם שאפ־טשערמאן קוליק	65.00
שאפירא און סאן, דורכ'ן שאפ טשערמאן זעלדין	606.80
עדעלסאן און האנד, דורכ'ן שאפ־טשערמאן אייב גאלדין	280.00
קארעש און קארעש, דורכ'ן שאפ־טשערמאן א. בערגער	58.20
ריטצער קלאוק קא., דורכ'ן שאפ־טשערמאן ס. סילווער	3.00
דזש. פראפוס, דורכ'ן שאפ־טשערמאן אייב גלאט	172.06
י. מ. רעפער און קא., דורכ'ן שאפ־טשערמאן ב. סייגבלאט	68.11
מ. האפמאן, דורכ'ן שאפ־טשערמאן דזשעק דזשייקאבס	88.98
דזש. וואלף, 138 איסט, 112טע סט., דורכ'ן שאפ־טשערמאן ג. גאלדסמיט	10.00
וויענער און פייטעלסאן, 160 איסט 116טע סט., דורכ'ן שאפטשערמאן סאלוואטאר פיאנדאקא	73.56
העגרי קראקאוו, 32 וו' 18טע סט. דורכ'ן שאפ טשערמאן לואיס באסס	100.00
וועסטשעסטער קלאוק קא., 15 ס. 6טע עוו., מט. ווערמאן, דורכ'ן שאפ טשערמאן מייק ריענס	15.00
סמארט קלאוק קא., 255 ס. 6טע עוו. מאונט ווערנאן, דורכ'ן שאפ טשערמאן דזשאזעף דירובא	111.00
ד. פרייטאג, 116 נעפערהאם־עוועניו יאנקערס, דורכ'ן שאפ טשרמאן בעניע	47.00
מר. פרייטאג, פון דער פירמע ד. פרייטאג, 166 נעפערהאם עוו.	10.00
אראן גאלדשטיין, 12 וו. 27טע סט. דורכ'ן שאפ טשערמאן אבראהאם סאקאווסקי	155.00
דייוו בערמאן, לאקאל 10 לעדושער 165	5.90
לואיס לוסטיג, 498 זיבעטע עוועניו דורכ'ן שאפ טשערמאן רובינשטיין	157.50
פרענטש־אמעריקאן דרעס קא., 1 א. 27טע סט., דורכ'ן שאפ־טשערמאן דזש. ראזענטאל	42.00
וואוא., פון מרוונסט[illegible]עיאטש ורדאנס סינגער בראס., גארמענט סענטער, דורכ'ן שאפ־טשערמאן איזידאר און קאם. דזש. פארטנאי, אלטשולער און גאלדבערג	380.50

(ליסט בייגעליגט).

אקמע קלאוק קא., 151 וועסט 23טע סט., דורכ'ן שאפ טשערמאן ג. פיש	25.50
דאנעישאן פון דער פירמע לואיס לוסטיג	25.00
דאניישאן פון פארמאן פון לואיס לוסטיג, ס. סאגן	5.00
דאניישאן פון אסיסטענט פארמאן זאנגער פון דער פירמע לואיס לוסטיג	1.00
ד. בלומבערג (באלאנס) דורכ'ן שאפ טשערמאן סטערן	3.90

בראנד און גארדאן, 383 זיבעטע עוו. דורכ'ן שאפ טשערמאן מ. פאסמאניק:

פרעבער	2.00
קאראמעלא	3.00
קארלינא	2.00
עהרליך	3.00
הורוויטש	3.00
גרינבערג	3.00
שומינסקי	3.00
ליכטענשטיין	3.00
מארינא	3.00
וויינגארטען	3.00
שומינסקי	3.00
מאמעקי	3.00
דעזיינער	2.00

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי
ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, 6).
אז מיין גערעכטיג־
קייט האלט איך זיך
שטארק, און וועל
איהר נים אפלאזען.

[...]רבייטער פון אלע
[...]ענדער, פאראיי־
[...]ניגט אייך, און די
וועלט וועט זיין
אייער!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. III. No. 43. | New York, Friday, October 21, 1921. | פרייטאג, 21טען אקטאבער, 1921 | PRICE 3 CENTS

[...]ער אינדזשאנקשאן קאמף אין פילאדעלפיער [...] וויסט סטרייק רופט ארויס גרויס אינטערעס

[...]וואס פרעזידענט שלעזינגער האט צו זאגען וועגען דעם קאמף פון די וויסט און דרעסמאכער.

ווי מיר האבען שוין געמעלדעט לעצ־[...]ע וואך, האבען די פארביסענע וויסט [...]ון דרעס מאנופעקטשורער פון פילאדעל־[...]יע זיך אנגעכאפט אן „אינדזשאנק־[...]אנס", וועלענדיג מיט דעם ברעכען דעם [...]טרייק, וואס ווערט אזוי העלדיש אנ־[...]עפיהרט פון אונזערע בראווע וויסט און דרעסמאכער אין פילאדעלפיא. אנגעהויבען האט זיך עס פון די פירמען ליכטענ־שטיין און רייכלין, און די וועסקא מאנו־פעקטשורינג קאמפאניע. די דאזיגע פיר־מען האבען זיך געווענדעט אין קאורט נאך אינדזשאנקשאנס.

האבען די חכמים פון דער וויסט און דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן זיך מישב געווען: וואס דארף עפעס יעדער מאנו־פעקטשורער געהן אין קאורט בעטען פאר זיך אן אינדזשאנקשאן? זאל בעסער די אסס'ן גופא פארלאנגען אן אינדזשאנק־שאן הגדול געגען דעם גאנצען סטרייק! און ווען עס האט זיך אנגעהויבען לעצטע וואך אין קאורט דער פארהער, האבען די לאיערס פאר דער אסס'ן פארלאנגט פון קאורט, דאס די אנגעגעבענע קלאגען פון די איינצעלנע מאנופעקטשורערס זאל צו־גויפגענאסען ווערען אין איין קלאגע, פון דער אסס'ן געגען די יוניאן, און מען זאל זיי געבען איין אינדזשאנקשאן געגען דעם גאנצען סטרייק.

אבער די חכמים פון דער אסס'ן האבען זיך געכאפט אביסעל צו שפעט. וואל־טע זיי באלד פון אנפאנג קומען מיט אזא קלאגע, וואלט דער ריכטער מסתמה זי אויפגענומען. איצט אבער, האט דער ריכטער געזאגט, אז דאס וועט ניט געהן! אז זיי פארלאנגען שוין צופיל. קענטיג, אז דער ריכטער האט געפיהלט, אז אזא האנדלונג וואלט צופיל אויפגעריסען אלע־מענס אויגען און ער האט עס דער אסס'ן ניט באוויליגט. דער לאיער פון דער אסס'ן האט אפילו שטארק „געקעמפט" פאר דעם, עס האט איהם אבער גאר ניט געהאלפען. מר. וויליאם גריי, דער לאיער פאר דער יוניאן, האט אפגעשלאגען אלע טענות, האט גענומען אויפ'ן צימבעל די עדות פון די באסעס, זיי האבען זיך איינע די אנדערע גאנץ פיין ווידערשפראכען און דער גרויסער עולם אין קאורט ביי דעם פארהער האט זיך דערביי גאנץ גוט אמו־זירט. עס איז געווען א רעגעלע קאמע־דיע.

אבער אין קאורט זיינען אויך געווען טראגישע מאמענטען. דאס איז געווען בעת דער לאיער פאר דער יוניאן האט פארגערופען א פאר עדות פאר דער יו־ניאן און עס האט זיך קלאר ארויסגעווי־זען ווי פארטייאיש און ברוטאל עס אר־בייט די פאליציי אין דעם סטרייק. עס איז באוויזען געווארען ווי די פאליציי מאכט אומזיסטע ארעסטען, ווי מען שלעפט די פיקעטס אין סטיישאן הויז אהן אירגענד וועלכען גרונד דערפאר, און נאך אזעלכע מעשים.

אין דער צייט וואס די שורות ווערען

(שלוס אויף זייט 16).

[...]קליוולאנדער קלאוקמא[...] [...]נופעקטשורערס ווילען [...] אויך א קאנפערענץ

ווי מיר האבען געמעלדעט אין דער [...]גערעכטיגקייט" מיט צוויי וואכען צוריק, [...]אט די קלאוקמאכער יוניאן פון קליוו־[...]אנד אויפגעפאדערט די קלאוקמאנופעק־[...]שורערס אסס'ן צו קומען צו א קאנפע־[...]ענץ, ווייל די יוניאן האט ארויסצושטע־[...]ען אייניגע נייע פונקטען פאר דעם אגרי־[...]מענט אין טרייד וואס דארף קירצליך בא־[...]יט ווערען.

[...] לעצטע וואך האט די קלאוקמאכער [...]יוניאן פון קליוולאנד באקומען אן ענט־[...]ער אויף דער אויפפאדערונג. די אסס'ן [...]נטפערט דער יוניאן, דאס זי איז צופרי־[...]ען צו האבען א קאנפערענץ מיט דער [...]יוניאן וועגען דער פראגע, ווייל אויך זי [...]אט ארויסצושטעלען דער יוניאן אייניגע [...]ייע פאדערונגען.

[...]אט אזוי איז עס שוין היינטיגע צייט[...]ען. אמאל איז מען געוואוינט געווען, [...] פאדערונגען האבען בלויז געשטעלט [...] ארבייטער צו זייערע באלעבאטים. [...]יצטער אבער שטעלען די באלעבאטים [...]גענען־פאדערונגען צו די ארבייטער, ווי [...]אר זיי דערוויסען זיך, אז די ארבייטער [...]אבען צו שטעלען פאדערונגען צו זיי.

[...] אלזא, קירצליך וועט באקאנט גע־[...]אכט ווערען ווען די קאנפערענץ צווי־[...]ען דער יוניאן מיט דער אסס'ן וועט [...]ארקומען.

90 מיטגלידער פון לאק. ארבייטען א האלבען טאג פאר רוסלאנד

די קאסטאם דרעסמאכער יוניאן לא־קאל 90 האט באשלאסען, דאס אין דער וואך פונ'ם 17טען ביז דעם 22טען אק־טאבער זאלען די מיטגלידער פון דעם לא־קאל ארבייטען א האלבען טאג פאר די הונגער־ליידענדע אין סאוועט רוסלאנד. מיט דעם באשלוס האט די קאסטאם דרעסמאכער יוניאן זיך אוועקגעשטעלט אויף דער זעלבער הויך מיט די אלע לא־קאל יוניאנס, וואס פארשטעהען די ערנסטקייט פון דער לאגע אין סאוועט רוסלאנד און זיינען גרייט באלד צו קו־מען צו הילף דער רוסישער באפעלקערונג.

ווי ברודער בערנאדסקי, דער מענע־דזשער פון דער יוניאן, גיט אונז איבער, האבען די מיטגלידער פון לאקאל 90 גוט אויפגענומען דעם באשלוס, און זיי זיינען גאנץ גערן צו טאן זייער פליכט פאר דאס אומגליקליכע רוסלאנד.

די טשערליידים פון די שעפער זיינען געבעטען צו ברענגען די געלט פאר'ן האלבען טאג ארבייט אין אפיס פון דער יוניאן, און פון דארטען וועט עס איבער־געגעבען ווערען צום טרעזשורער פון דעם פאנד, וואס די רעליף קאמיטע פון אונ־זער אינטערנעשאנאל האט אויסגעקליבען. זאלען דיזע געלדער באלד געבראכט ווע־רען אין אפיס פון דער קאסטאם דרעס מאכער יוניאן לאקאל 90. דער אפיס געפינט זיך אין 725 לעקסינגטאן עוועניו, ניו יארק.

עמבראידערי מאנופעקטשורערס אסס'ן ברעכט אפ אגרימענט מיט דער יוניאן

די יוניאן געווינט אין קאורט אן אינדזשאנקשאן־קייס און אפעלירט געגען דעם געווינס. — 18 שעפער פון דעם פאך זיינען נאך אלץ אין סטרייק. — אויב עס זאל ניט קומען צו אן אויסגלייך קאן פון די איינצעלנע סטרייקס ווערען א גענעראל סטרייק.

דער שטרייט צווישען אונזער עמברוי־דערי ארבייטער יוניאן און די עמברוידערי מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן צופלא־קערט זיך אלץ מעהר. די אסאסיאיישאן האט געלאזען וויסען דער יוניאן, אז זי שטעלט אפ די מאשינערי אויף אויסצו־גלייכען די סכסוכים אין די שעפער, וואס דאס מיינט, אז די אסאסיאיישאן ברעכט אפ דעם קאלעקטיוו אגרימענט, וועלכער האט באדארפט זיין אין קראפט ביז דעם 1טען דזשון, 1922.

נאטירליך, די אסאסיאיישאן באהויפ־טעט, דאס דעם אגרימענט האט גאר די יוניאן געבראכען, ניט זי; די אסאסיאיי־שאן טענה'ט, דאס די יוניאן האט גערור־פען א סטרייק קעגען צוויי אסאסיאיישאן פירמען, „די ניוטראל עמברוידערי קאמ־פאני", 129 וועסט 22טע סטריט, און ביי־יארבלום בראדערס, 119 וועסט 23טע סט., און דאס דורך אט דער האנדלונג האט די יוניאן געבראכען דעם אגרימענט.

די מעשה איז אבער ניט אמת. דער אמת איז, דאס די צוויי דערמאנטע אסא־סיאיישאן פירמען האבען גאר אויסגע־שלאסען די ארבייטער, און ווען די אסא־סיאיישאן האט די פירמען ניט דיסציפ־לינירט, האט די יוניאן זיי ערקלערט אין סטרייק. וואס אנדערש האט די יוניאן געקאנט טאן? און ווי ברודער אסיפ וואָ־לינסקי, דער מענעדזשער פון דער יוניאן גיט אונז איבער, האט דער פרעזידענט פון דער עמברוידערי מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן געלאזט וויסען דער יוניאן, דאס יענע צוויי דערמאנטע פירמען הא־בען זיך צוריקגעצויגען פון דער אסאסי־איישאן און דאס די יוניאן קאן מיט זיי האנדלען ווי מיט „אינדעפענדענט" פיר־מען. איצטער טענה'ט אבער די אסאסי־איישאן, אז די פירמען באלאנגען צו דער אסאסיאיישאן און דאס דורך ערקלערען זיי אין סטרייק האט גאר די יוניאן גע־בראכען דעם אגרימענט מיט איהר.

וועט איהר אפשר פרעגען: וואס איז דער אונטערשייד, ווער עס האט געבראכען דעם אגרימענט?

איז דער תירוץ: עס שטעקט אין דעם

(שלוס אויף זייט 16).

ערעפנונג פון אינטערנע־שאנאל ארבייטער אוני־ווערזיטעט, 18 נאוועמבער

פרייטאג אוונט, דעם 18טען נא־וועמבער, וועט געפייערט ווערען די עפענונג פון אינטערנעשאנאל ארביי־טער אוניווערזיטעט, אין אדיטאריום פון וואשינגטאן אירווינג היי סקול, אירווינג פליים און 16טע סט.

צו דער געלעגענהייט וועט געגע־בען ווערען א שעהנער קאנצערט און עס וועלען געהאלטען ווערען באלעה־רענדע רעדעס. געניערעס וועגען דעם שפעטער.

דער יוניטי קאנצערט אין קארנעגיע האל נעקסטען פרייטאג, 28טען אקטאבער

האט איהר שוין זיך באזארגט מיט טיקעטס פאר דעם קאנצערט?

עס איז פארבליבען ניט מעהר ווי איין וואך צייט ביז דעם יוניטי קאנצערט אין קארנעגי האל, פרייטאג אוונט, דעם 28טען אקטאבער. האט איהר זיך שוין באזארגט מיט טיקעטס פאר אט דעם קלאסישען קאנצערט?

געדענקט: ערשטענס דארף דורך דעם קאנצערט געדעקט ווערען א טייל פון דעם דעפיציט פון דער יוניטי הויז אין פא־רעסט פארק, די פראכטפולע זומער היים פון אונזערע וויסט און דרעסמאכער. צווייטענס, וועלען זיך דארט ווידער צו־נויפטרעפען די אלע פריינד, וואס האבען געשלאסען פריינדשאפט אין דער יוניטי הויז, און דיזע פריינדשאפט וועט אויף דאס ניי אפגעפרישט ווערען. דריטענס, וועט איהר טאקע דארט הערען אן ער־שטע קלאסע קאנצערט. איהר דארפט וויסען, דאס עממי רעסטין, די באריהמ־טע סאפראנא פון מעטראפאליטען אפע־רא הויז איז די הויפט־זינגערין דעם אוונט און זי וועט, ווי איהר ווייסט, אנגענעהמער שטימע, זינגען און זינגען. זי וועט זינגען אריען פון באוואוסטע אפעראס און אויך פאלקס־לידער. פאר־פעהלט, דעריבער, ניט צו זיין דארט אזן האבען אן אמת גייסטיגען גענוס.

א סך טיקעטס פאר דעם קאנצערט זיינען שוין פארקויפט געווארען, אבער דאס מיינט ניט, אז איהר דארפט אויס־געבליבען, אז אויך איהר דארפט ניט זיין דארט. עס זיינען נאך דא טיקעטס פאר אייך. קומט זיי נעהמען אין אפיס פון דער יוניאן, 16 וועסט 21טע סט.

די יוניטי הויז קאמיטע האט ארויס־געשיקט א בריף צו די עקזעקוטיוועס פון אלע אונזערע לאקאלס אין ניו יארק צו נעהמען טיקעטס פאר דעם קאנצערט און די פאלגענדע האבען זיך אפגערופען און גענומען באקסעס: לאקאל 1, 10, 20, 23, 60, 62, 89 און 90. באקסעס האבען אויך גענומען, דער דזשענעראל עקזעקו־טיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל.

(שלוס אויף זייט 16).

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 43.

[...]יט 2. די וואך. — מאקס ד. דעניש. וויכ־טיגע פאסירונגען אין לאקאל 50. — ח. גרינבערג.
[...]יט 3. די דעזיינערס פון קלאוק־טרייד — די אמאליגע אריסטאקראטען. — ל. לאנ־גער. קוויטירונגען פון די קלאוק שע־פער פאר רוסלאנד.
[...]יט 4. עדיוקיישאנאל נאטיצען. עקז. ב. מיטינגען פון לאקאל 25. — טשארלס דזשייקאבסאן.
[...]יט 5. טרייד און ארגאניזאציאנס־פראגען.
[...]יט 6. מיטינג פון דזש. באארד פון דער [...]קלאוקמאכער יוניאן. — ל. לאנגער. מיטינג פון עקז. באארד פון לאקאל 22. — י. שעהנהאלץ.
[...]יט 7. עניניםפון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע. — א סטעף רעפארטער. קוויטירונגען פאר רוסלאנד פון די וויסט און דרעס שעפער.
[...]יט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
[...]יט 9. דער גזלן פון גויטוואדיגקייט. — נ. בוכוואלד. לידער פון א יונגען בעלי הבית'ל. — נ. גראס.
[...]יט 10. וואר־ארבייט, פראדוקציע און מע־מארענדום. — מ. פערעלשטיין.
[...]יט 11. א באקאנטשאפט מיט זיך אליין. — דר. ב. דובאווסקי. קינדער אליין (סקיצע). — פ. הימעלפארב.
[...]יט 12. קורצע שמועסן.
[...]יט 13, 14 און 15. — אדווערטייזמענטס.
[...]יט 16. די קריטישע לאגע אין רוסלאנד.

אפיל פון דער אינטערנאציאנאלער פעדעראציע פון קליידער ארבייטער פאר רוסלאנד

די באריכטען פון רוסלאנד מאכען יעדען טאג אלץ קלאהרער, אז אין דיזען גרויסען לאנד, וואס איז אזוי רואינירט געווארען דורך דער מלחמה און בירגער קריג, שפילט זיך יעצט אפ א גרויסע טראגעדיע. אין פארשידענע געגענדען איז א גרויסע אומנערעטעניש, און דאס האט געבראכט שרעקליכע רעזולטאטען. דער קלימאקס איז געקומען מיט דער דיסארגאניזאציע פון די מיטלען פון פארקעהר.

די פון הונגער אויסגעהענדע מאסען וואנדערען איבער'ן לאנד, אין דער האפנונג צו ראטעווען זיך פון הונגער טויט. די אנגעזעהענסטע מענשען פון דער זשורנאליסטיק אין רוסלאנד, איינשליסענדיג מאקסים גארקי, האבען זיך געווענדעט מיט אן אויפרוף, אפעלירענדיג צו די מענשליכע געפיהלען פון דער באפעלקערונג אין אלע אייראפעאישע לענדער, צו פארזיכערען הילף פאר רוסלאנד. שטאטסלייט און וויסענשאפטסלייט האבען זיך פאראייניגט אין דיזען אפיל, און עס זיינען שוין געגרינדעט געווארען נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע קאמיסיעס צו באקעמפען דעם אומגליק אין רוסלאנד.

די באריכטען פון רוסלאנד גיבען אן, אז 20 מיליאן מענשען נויטיגען זיך אין הילף צו ראטעווע זיך פון הונגער טויט.

אין דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער באוועגונג הערשט א מיינונגס פארשידענהייט אויב די טאקטיק פון די ארבייטער פיהרער אין רוסלאנד, וואס מען וויל אויך ארויפצווינגען אויף די ארבייטער פון אנדערע לענדער, קאן ברענגען די באפרייאונג פון ארבייטער קלאס פון לוין שקלאפעריי.

דיזע פארשידענהייטען פאראורזאכען א סך צוויסטיגקייטען.

אבער די געפיהלען וואס זיינען דורך דעם ארויסגערופען געווארען, טארען אונז ניט בעאיינפלוסען יעצט, ווען מיליאנען ארבייטער רופען נאך הילף.

יעצט איז אויך ניט די צייט צו קומען קריטיקירען די באדינגונגען אין רוסלאנד.

די עקזעקוטיוו קאמיטע פון דער אינטערנאציאנאלער פעדעראציע פון טרייד יוניאנס האט שוין געגעבען א ביישפיל דורך נעהמען די איניציאטיווע אין דער הילף־באוועגונג. דער טרייד יוניאן אינטערנאציאנאל האט געגעבען פאר דיזען צוועק א מיליאן מארק פון זיין אייגענער קאסע.

די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט האבען געוויס געוויס שווערינקייטען אויף זייערע פלייצעס, אבער די וואס ווערען רעגעלמעסיג באשעפטיגט דארפען ניט זוכען א בעסען טרוקענעם ברויט, מיט וועלכען אונזערע חברים אין רוסלאנד וואלטען זיך יעצט געפיהלט גליקליך. אין פארגלייך מיט יעצטיגע באדינגונגען אין רוסלאנד לעבען פילע פון אונז אין לוקסוס. דערפאר האבען מיר די מעגליכקייט, און עס ליגט אויף אונז די פליכט צו קומען צו הילף די הונגעריגע!

יעדער איינציגער דארף ערפילען זיין פליכט אלס מענש און אלס ארבייטער.

פאר דער אינטערנאציאנאלער פעדעראציע פון קליידער ארבייטער,

וואן דער היעג, סעקרעטער.

אמסטערדאם, סעפטעמבער, 1921.

דער ערשטער יאהרעספעסט פון דעם יוניאן העלטה סענטער.

(שלוס פון זייט 1)

וואס האבען געגעבען דאס געלט דעם העלטה סענטער צו שאפען.

אין דער זעלבער צייט גיט ער אפ א באריכט פון דער אלזייטיגער טעטיגקייט אין דעם יוניאן העלטה סענטער, אין דעם קנאפען יאהר צייט וואס ער געפינט זיך אין זיין אייגענער היים.

דער רעדנער גיט דערביי א גאנצע רייהע אינטערעסאנטע ציפערען, וועלכע מיר וועלען איבערגעבען ביי א צווייטער געלעגענהייט. זיין רעפעראט האט אומגעפאסט די טעטיגקייט פון אלע קליניקס און דעפארטמענטס און האט געגעבען די אנוועזענדע א קלארען בילד פון אלץ, וואס ווערט אין דער אינסטיטוציע געטאן.

זיין רעדע האט ארויסגערופען ווארימע אפלאדיסמענטען.

גאנץ אינטערעסאנטע רעדעס זיינען אויך געהאלטען געווארען פון צוויי דאקטוירים, פון דר. שוואט, וועלכער האט גערעדט פאר'ן מעדיקאל סטעף פון די קליניקס אין יוניאן העלט סענטער, און פון דר. מאקס פריים, דער הויפט דאקטאר פון דענטאל קליניק.

דר. שוואט האט שטארק געלויבט די איבערגעבענקייט פון דר. דזשארדזש מ. פרייז, אלס דירעקטאר פון דער אינסטיטוציע. ער האט אנגעוויזען ווי אזוי דר. פרייס ציהט אריין אין די קליניקס דאקטוירים ספעציאליסטען און „נוצט זיי אויס געגען דער מעדיצינישער פראפעסיע. דורך דעם העלט סענטער — זאגט ער — ווערט געארבייט צו סאציאליזירען די מעדיצינישע פראפעסיע, וועלכעס איז געגען די אינטערעסען פון די דאקטוירים, אין זייער פריוואטער פראקטיקע. ער דערמאהנט אויך דאס דער האנאראר וואס די דאקטוירים באקר

מען פאר זייער ארבייט אין דעם יוניאן העלט סענטער, איז ניט גענוג צו באצאלען פאר די „טייערס" פון אויטאמאביל אויף וועלכען זיי פאהרען אטענדען דעם קליניק. ער לויבט אויך דעם פאקט, וואס די קליניקס אין דעם סענטער זיינען געבויט אויפ'ן פרינציפ פון קאאפעראציאן און ניט פון צדקה.

דר. מאקס פריים רעדט פאר'ן סטעף פון דענטאל קליניק. ער ווייזט אן דאס די ארבייט וואס ווערט געטאן אין דענטאל קליניק איז פונקט אזוי וויכטיג, אויב ניט נאך וויכטיגער, ווי דאס וואס עס ווערט געטאן אין די מעדיקאל קליניקס. ער באטאנט, דאס אויב די ארבייטער ווערן אפגענארט ווען זיי געהען צו א פריוואט דאקטאר, ווערען זיי געוויס א סך מעהר אפגענארט, ווען זיי געהען צו א פריוואט דענטיסט. דער פריוואט דענטיסט — זאגט ער — נעמט דאס רוב צו ביים ארבייטער דאס געלט, פארשטאפט איהם דאס מויל מיט אביסעל גאלד און רואינירט זיין געזונט. ווייל די קראנקע ציייהן ווערען דאס רוב ניט אויסגעהיילט, מען פארדעקט זיי מיט גאלד און פטור! אבער די ציייהן פוילען אונטער'ן גאלד און פארשפרייטען איבער'ן קערפער פארשיידענע קראנקהייטען.

א קורצע רעדע איז אויך געהאלטען געווארען פון דר. פיטשהענדלער, דער דירעקטאר פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.

נאך די רעדעס האט מען געוויזען פארשידענע „מואווינג פיקטשורס", וועלכע גיבען די גאנצע געשיכטע פון דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל, און פון „סאניטי־יוניאן" אין אלגעמיין. פון וועלכע דער עולם האט שטארק הנאה געהאט, פונקט ווי מען האט הנאה געהאט פון די „אייז קרים" מיט קייק וואס מען האט געגעבען צוצובייסען.—

קורץ, עס איז געווען אן אינטערעסאנטער און באלעהרענדער אווענט.

קלאוקמאכער אויפמערקזאם!

אין איינקלאנג מיט אונזער אגרימענט מוז יעדער ארבייטער פון טרייד קריגען זיין „פעי" אין קעש.

דארום פאדערען מיר אייך אויף ניט צו נעמען קיינע טשעקס פון אייערע בעל־הבתים, און מיט דעם וועט איהר פארמיידען פיעל טראבעל פאר אייך און דער יוניאן.

מיט גרוס,

דזש. באארד קלאוק און סקירט מאכער יוניאן

ל. לאנגער, סעקרעטער.

עניינים פון דער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע

(שלוס פון זייט 1)

הייסט די מלחמה יארען, זיינען געווען זעהר רייך און פרוכטבאר אין שאפען פארשידענע אילוזיאנען אין די מחות פון ארבייטער און ספעציעל דא אין טאראנטא.

זיצענדיג ביי דער מאשין און זוכענדיג ווי אריינצוצילעווען דעם קאטען אין דעם לעכעל פון דער נאדעל, פאנטאזירט ער צו דער זעלבער צייט, אז אט זעהט ער זיך זיצען אין א גרויסער מק־קלאפלין קאר... דרייט דעם ראד און לויפט ווי א בליץ איבער די גאסען פון טאראנטא. פארשטייט זיך אז אזעלכע מעגליכקייטען און פוסטע חלומות זיינען דער רעזולטאט פון א צוהיצטער פאנטאזיע. אבער ווי די זאך זאל ניט זיין, איז איינס זיכער, אז איין ארבייטער וועלכער געפינט זיך אונטער דיזען איינדרוק איז שוין א מענש פאר זיך אליין. ער האט זיך זיינע סיבות און זיינע פלענער און האט מורא זיך צו פארטרויען צו דעם צווייטען מיטארבייטער אין שאפ. אויסער דעם גלויבט ער טאקע ניט און קאן ניט זען וועלכע געמיינשאפטליכעס ער האט מיט די ארבייטער. איבערהויפט ער, דער צוקונפטיגער ביזנעס מאן... וואס פאר א שייכות האט ער מיט איינעם וועלכער דארף בלייבען אן אייביגער קבצן און ארבייטען ביים מאשין אדער אייזען?

צו אזא אייגענארטיגער ארבייטער פסיכאלאגיע האבען נאטירליכער ווייזע זיך געמוזט צופאסען אייגענארטיגע פלענער ווי אזוי דיזע איינבילדונגען צו פארווירקליכען. און ווי שוין געזאגט, די עטליכע מלחמה יארען האבען בעשאפען א גאנצען באגאזש פון שטותעריען אין די מוחות דא אין טאראנטא. אמת, אז דער באגאזש האלט זיך ביים ענדיגען, ווייל פון דער צייט אן נאך דער מלחמה האבען שוין אונזערע קלאוקמאכער אנגעווענדעט און אויסגעפרובירט א היבש ביסעל פון דעם סטאק, וועלכען זיי האבען פארמאגט. איבעריג צו זאגען, אז ווי סנאפעס זיינען געפאלען איין פלאן נאך דעם אנדערען און בלויז א קליין ביסעל שיריים זיינען נאך פארבליבען ערגעץ, וועלכע וועלען גאנץ שנעל אויך ווערען אויסגענוצט און פונקט אזוי ווי איינער וועלכער טרינקט זיך כאפט זיך אן א שטרוי, אזוי האלטען זיך נאך מאנכע ביי זייער איינענעם פלאן פארקריצט מיט די ציין פאר ווייטאג, אבער מען האלט זיך נאך און מען גיט זיך ניט אונטער. אבער א גענויע אויג קאן שוין יעצט זעהען וואס דער רעזולטאט וועט זיין.

אן אויסגעמאטערטער פון די שווערע חלומות, דיסאפאינטעד פון אלע פלענער, אפגענארט פון זיך אליין און אויסגענוצט פון די באסעס [illegible], וועט דער קלאוקמאכער מוזען דערזעען דעם ריכטיגען וועג, וועלכער קאן אים העלפען און ראטעווען. אמת טאקע אז די הילף ליגט אין זיינע אייגענע הענט. אבער געהאלפען ווערען קאן ער נאר דאן ווען ער וועט ארויסווארפען פון קאפ דעם שטות פון שנעל רייך ווערען. ער וועט דאן דערזעהען אז 99 פראצענט פון הונדערט זיינען די אויסזיכטען פאר אים צו בלייבען איין ארבייטער און פאלגליך אלס ארבייטער מוז ער זיך זעהען פאראייניגען מיט דעם צווייטען און מיט אלע וועלכע ארבייטען א לעבען צו מאכען. אנפאנגען זיך צוזאמענריידען מיט די ארבייטער און אנפאנגען גלויבען און האבען צוטרויען איינס צום צווייטען. פאראייניגען זיך דורך א שטארקע יוניאן. אויף דעם וועג און טאקע נאר דורך דעם וועג זיינען די אויסזיכטען צו מאכען א בעסערען און שענערען לעבען."

און אזוי איז עס טאקע, די ערוואכונג פון די קלאוקמאכער אין טאראנטא האט זיך שוין אנגעהויבן.

אט דער שלעכטער צושטאנד ביי די קלאוקמאכער אין טאראנטא איז געקומען אלס א רעזולטאט פון א פארלארענעם סטרייק. א סטרייק איז דארט פארלארען געגאנגען און די קלאוקמאכער דארטען האבען הפנים געמיינט אז עס עקט זיך שוין די וועלט. זיי האבען, ווי עס שיינט, ניט בעגריפען, אז נאך א פארלארענעם סטרייק איז נאך אפשר נויטיגער צו האבען א שטארקע יוניאן, ווי נאך א געוואונענעם סטרייק.

עס פרייט אונז זעהר וואס מיר קאנען אונזערע לעזער אנזאגען די גוטע בשורה, אז די לאגע ביי די קלאוקמאכער אין טאראנטא האט זיך שוין גענומען ענדערען צום גוטען. די ערוואכונג קומט און מיט רעש'דיגע טריט. נאטירליך, ברודער אמדור האט דארט אין פארלויף פון מאנאטען אריינגעטאן א היבש ביסעל שווערע, קאנסטרוקטיווע ארבייט און דיזע ארבייט פאנגט שוין אן ברייגנען פרוכט. לאמיר האפען, אז גאר אין גיכען וועלען מיר ווידער האבען אין טאראנטא א שטארקע, א מעכטיגע קלאוקמאכער יוניאן, ווי מיר האבען עס געהאט דארט נאך גאר ניט לאנג צוריק.

פילאדעלפיער ווייסט מאנופעקטשורערס כאפען זיך פאר אינדזשאנקשאנס.

דעלפיא פארלאנגען, האט ער אפילו ניט געהאלטען פאר נויטיג צו איינלאדען די יוניאן צו א קאנפערענץ, און עס איז פון דעם גארניט געווארען. ער האט שוין אליין געוואוסט, אז דאס וואס די באסעס ווילען, וועט די יוניאן קיינמאל ניט נאכגעבען און ער האט זיך אויפגעהערט צו מישען אין דער אנגעלעגענהייט.

אלזא, דער סטרייק געהט אן מיט דער זעלביגער פרישקייט ווי ביז איצטער. די שעפער ווערען געפיקעט, טראץ דעם וואס די סטרייקער האבען אויסצושטעהן א סך פארפאלגונגען פון דער פאליציי, און דער סטרייק וועט אויף די זעלבע ליינס געפיהרט ווערען, ביז ער וועט געוואונען ווערען.

פרעזידענט שלעזינגער איז מיט דער מיינונג, דאס דיזער סטרייק איז איינער פון די וויכטיגסטע קעמפע וואס אונזער אינטערנעשאנאל האט ווען געהאט און, זאגט ער, „די גאנצע מאכט פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן וועט קאנצענטרירט ווערען אויף דעם קאמף און מעג דער סטרייק געדויערען ווי לאנג, וועלען מיר פון שלאכטפעלד זיך ניט צוריקציהען ביז דער גערעכטער קאמף וועט געוואונען ווערען."

טשערליים פון די קלאוק, סקירט און ריפער שעפער.

איהר זייט אויפגעפאדערט ניט צו לאזען קיינעם זיך זעצען ארבייטען אהן א וואירקינג קארד.

די טשערליים פון די שעפער ווערען געבעטען ארויסצוגעבען ארבייטער וואס האבען נאך ניט קיין פלאץ וואו צו ארבייטען. לאזט וויסען אין אפיס פון דער יוניאן, אויב אין אייער שאפ דארף מען האבען נאך ארבייטער.

דזשוינט באארד קלאוק, סקירט און ריפער מאכער יוניאן.

י. פיינבערג, דזש. מענעדזשער.

עמא דעסטין ביי די ווייסטמאכער

עמי דעסטין, די בארימטע זינגערין פון מעטראפאליטאן אפערא הויז, און נאך אנדערע באוואוסטע קינסטלער פון דער מוזיקאלישער וועלט, וועלען איינטייל נעמען אין א קאנצערט, דעם 28טען אקטאבער, פאר דעם בענעפיט פון די יוניטי הויז אין פארעסט פארק, פון אונזערע ווייסט און דרעסמאכער.

זאלען די פריינט פון די יוניטי הויז ניט פארפעלען זיך צו באזארגען מיט טיקעטס פאר דעם קאנצערט. נעמט א פאר טיקעטס מער ווי איהר דארפט פאר זיך און פארקויפט זיי אייערע פריינט, זיי וועלען אייך דערפאר דאנקען.